STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05254

DI HEYRATH

Leonard Landes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בוך נומער 3

דיא היראטה

פערפאסט אונד הערויסגעגעבן

— פון —

דאקטאר לעאנארד לאנדעס,

געוועזענער אסיסטענט פון אוניווערסיטי דיספענסערי, דעלמיט
דיספענסערי, פאסט גרעדיואייט האספיטאל, פאליקלינק,
בעלעוויו האספיטאל דיספענסערי, לעביינאן האספי־
טאל, ניו יארק אראל אינסטיטוט, ניו
יארק אינפערמערי, דייטשען פאליקלי־
ניק, מאנט סייני האספיטאל דיס־
פענסערי, געוועזענער ארטצט
דער פאנאמע רייל
ראאד קאמפ.
אונד דירעקטאר פון עלעקטרישען מעדיצינישען אינסטיטוט, ניו יארק.

פערפאססער פון „דאקטאר בוך“
„און מעננער פריינד“.

Office Hour[illegible] k.
[illegible]0 a. m., 3 p. m.

RUBIN'S BOOK STORE
מוכר ספרים
HEBREW BOOKS
HEBREW MUSIC
PIANO AND VIOLIN
46 Canal St. New York

אינהאלטס[illegible]יכנים.

קאפיטעל.		זייטע
1	וואס איז הייראטה ?	9
2	ווען א פערזאן ווערט רייף	13
3	וואס פיר א פרוי א מאן דארף הייראטהען	20
4	[illegible] ערשטער טאג נאך דער חתונה	24
5	וויא מעננער זאלען זיך בעגעהן מיט פרויען	28
6	איז הייראטה א גליק אדער א'ן אונגליק ?	32
7	פארטפלאנצונג	37
8	שוואנגערשאפט	44
9	א מוסר השכל	50
10	וואניניזים	61
11	פאלשע צוזאממענקינפטע	69
12	דיא היגיענע פון הייראטה	80
13	חתונה צערעמאניען ביי פערשיעדענע פעלקער	85
14	א ווארנונג צו יונגע לייט	96
	אללע בעזע חלומות	100
	אן אפיעל צו דיא לעזער	101
	א נייע עפאכע	105
	דיא ליעבע צום שטארקען	107
	אויפמערקזאם	108
	א טרויעריגעם ליעד	111

פאררעדע.

יעדער בוך, וואס א פערפאססער גיט ארויס, מוז האבען א געוויסע טענדענץ. עס מוז בעצוועקען ניטצליכע אויפקלעהרונגען וועלכע זיינען פיר א טהייל פון דער מענשהייט ניט בעקאנט. דיא הויפטזאכע איז, אז יעדעס נייע ווערק דארף בריינגען נוטצען פיר דער מענשהייט.

ווען א מענש זאל זיך פרעגען: "וואס איז דיא וויכטיגסטע אויפגאבע אין לעבען"? מוז ער קומען צום שלוסס אז דיא הייראטה איז דיא וויכטיגסטע און שווערסטע אויפגאבע.

דיא גרעסטע דיינקער האבען זיך אפגעגעבען מיט דיעזע פראגע. דער גרויסער פילאזאף גראף טאלסטאי בעהאנדעלט דיא הייראטה אין זיין ווערק "קרייצער סאנאטא", וואו ער ציינט אויף וויא אזוי דיא הייראטה איז אונגליקליך דורך דעם וואס דיא ערציעהונג איז ניט קיין געהעריגע, דאס הייסט: דיא מענשהייט ווערט ניט ריכ־טיג צוגעגרייט צו פיהרען א ריכטיגען פאמיליען-לעבען.

עמיל זאלא, דער גרויסער רעאליסט, האט אויך פרובירט אויפ־לעזען דיא פראגע וועגען הייראטה, און ציינט אויף אין זיין ווערק "פרוכטבארקייט" דעם ריכטיגען ציעל פון פערהייראטען לעבען.

אמאליגע צייטען ווען דיא עלטערן פלעגען פערקנס'ן זייערע קינדער, נאך איידער דיא קינדער האבען געהאט פערשטאנד צו בעגרייפען וואס פיר א וויכטיגער שריט דאס איז, איבערהויפט ווען דער חתן האט געקראגען אייביגע קעסט, און א היים אלס צוגאב צו א ווייב, האט ער עס ניט גערארפט בעטראכטען פיר

אזא גרויסע וויכטיגקייט, ווייל זיין פעראנטוואָרטליכקייט איז געווען זעהר קליין. אללעס וואס פון איהם האט זיך געפאָדערט איז געווען ער זאלל זיטצען און לעהרנען.

עס פלעגען הייראטען יונגע קינדער וועלבע האבען זיך ניט גע־קענט און ניט געזעהען איינע דיא אנדערע ביז דעם טאג פון דער חתונה. אלזאָ אויף אזא ארט האט ביי זיי קיין ליעבע פון בעפאָר ניט געקענט עקסיסטירען. נאכדעם וויא זיי פלעגען הייראטען פלע־גען זיי אויך זיין גאנץ וויניג צוזאמען, און פלעגען זיך ניט אפגע־בען אין אויסדריקען זייערע ליעבעס געפיהלע, זאָגאר ווען דיא ליעבע האט זיך שוין ביי זיי ענטוויקעלט.

ביי קעניגע און פרינצען ווערען שדוכים געשלאססען צווישען דיא פאמיליע, נאהר אהן ליעבעס געפיהלע, אום דער יחוס זאלל ניט קלענער ווערען, דארום זיינען כמעט אללע קעניגליכע פאמיליען פערוואנדעט. מיר זעהן וואס פיר א זארט פאמיליען לעבען (?) ביי זיי עקסיסטירט. דיא גרעסטע צולאָזענהייט, האס און בעטרוג געפינט זיך צווישען דיא וועלבע הייראטען נאכ'ן שטאט, ניט נאך דעם וואונש פון זייער הארצען.

ביי אידישע עשירים ווערען שדוכים אויך געשלאססען צווי־שען דיא אייגענע פאמיליע, אום דיא רייכטהום זאלל ניט איבער־געהן אין אנדערע הענד.

צווישען געוועהנליכען פאָלק, וואו שדוכים ווערען געשלאָססען נאך דעם וואונש פון הארצען, דארף דיא הייראטה בעטראכטעט ווערען אלס א פיהל וויכטיגער און מעהר פעראנטוואָרטליכער שריט.

שוואַכע מענגער! בעראַטה זיך מיט דאָקטאָר לאַנדעס, 140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

יעצט, ווען ליעבע שפיעלט דיא וויכטיגסטע ראָלע בעפאָר דיא הייראטה, און דאס דארף אויפהאלטען דיא הארמאָני נאך דער הייראטה, דאן איז עס גאנץ אנדערש.

אין יאפאן עקסיסטירט נאך יעצט אויך דער מנהג אז ווען א מאן מיט א פרוי ליעבען זיך צו־פיעל, דאן פערלאנגען איהרע אדער זיינע עלטערן א גט, דערפאר ווייל א פערהייראטע פּאָאָר וואס ליעבען איינע דיא אנדערע צו פיעל, קענען ניט ליעבען זייערע עלטערן, און לויט נאך זייערע פיהרונגען קומט פאָרט אָפט פאָר גט׳ן דורך אזעלכע אורזאכען.

ביי אונז איז אבער אנדערש. ווען דער מאן מערקט נור אז דיא פרוי ווארפט א חנ׳דל אויף אן אנדערן, אדער ווען זיא מערקט אז יער מאן איז גלייכגילטיג צו איהר, דאן איז זייער לעבען פערביטערט.

צו קענען אויפהאלטען דיא הארמאָני און דיא צוגעבונדענקייט פון איינע צו דיא אנדערע אין פערהייראטען לעבען איז דיא גרעסטע קענטעניס און אויך דיא גרעסטע פעראנטוואָרטליכקייט, דארום איז וויכטיג פיר יעדען מאן צו קענען דעם פערהייראטען לעבען אין אללע בעציגע, אין אללע הינזיכטען, און צו וויסען דיא אורזאכען וואס ברייננען אָפט דיא צושטערונג פון א גליקליכען פאמיליען לעבען.

פיעלע פערהייראטע מעננער, וועלכע געפינען אויס אז דיא צו־שטערונג פון זייער פאמיליען־לעבען איז געקומען דורך דיא אונפעה־היגקייט פון זייערע מענליכע פליכטען זוכען א מיטעל, אבער דיא

מעננער! בעפאָהר איהר הייראַטה, בעראַטה זיך מיט דר. לאַנדעס 140 איסט 22טע סט., ניו יאָרק.

ריכטיגע אורזאכע וויללען זיי ניט ענטדעקען, און אנשטאט דעם וואס זיי דארפען געהן צו א דאָקטאָר נאך הילפע געהן זיי צו א לויער.

מיין פיעליעהריגע פראַקטיק האט מיר געציינט דאס אין פיעלע פעללע זיינען צושטערטע פאמיליען־לעבענס געבראכט געוואָרען אין אָרדענונג נאך דעם וויא איך האב בעהאנדעלט די מעננער א קורצע צייט.

צו דיעזען צוועק איז געשריעבען דאס בוך "די היראַטה." עס איז וויכטיג פיר יעדען אונפערהייראַטען מאן צו לעזען דיעזען בוך, ווייל דאָ געפינט ער א שפיעגעל פון פערהייראַטען לעבען אין אללע צייטען, די פליכטען וועלכע איהם שטעהט פאָר. און צו וואס ער דארף זיך צו גרייטען. עס איז אויך וויכטיג פיר פערהיי־ראַטע לייטע צו לעזען דיעזען בוך, ווייל דאָ וועלען זיי געפינען פיעלע זאכען וועלכע זיי האבען ביז יעצט ניט געוואוסט. עס וועט זיי פערענטפערן פיעלע פראגען וואס זיי האבען ביי זיך אלליין א סך מאָל געפרעגט "פארוואס"? און האבען ניט געפונען קיין אנט־וואָרט.

לעזענדיג דיעזען בוך וועט דער מאַן וויסען וואס פיר א פער־אנטוואָרטליכקייט ער האט אויף זיך אין דעם פערהייראַטען לע־בען, און ווען ער וועט האבען וועגען דעם א פאָללען בעגריף וועט ער זיין אימשטאנדע צו בעזייטיגען אללע הינדערניסע וועלכע צו־שטערען דאס גליק פון הייראַטה.

מעננער! פיהלט איהר שוואַך בעראַטה זיך מיט דר. לאַנדעס, 140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

וואס דער תלמוד זאגט וועגען הייראטהען.

דער מאן וואס הייראטה א פרוי פון זיין גלייכען ווערט געליעבט פון אלמעכטיגען.

איין עהרענהאפטער מאן שעטצט זיין פרוי; א ניעדערטרעכטיגער מאן פעראכטעט איהר.

ווען א מאן פערליערט זיין פרוי, זעהט איהם אויס דיא גאנצע וועלט פינסטער, זיין הויז פערדונקעלט און דער שיין אויסגעלאשען.

ווען דיין פרוי איז קלענער פון דיר, בייג זיך איין אום צו רעדען צו איהר. טהו קיין זאך נים אהן איהר ראטה.

ווען א מאן מיט א פרוי זיינען גוט אויפגעפארט, דאן הערשט איבער זיי דיא ערליכקייט פון דיא הימלען; א מאן מיט א פרוי וואס זיינען נים גוט אויפגעפארט, זיינען ארומגערינגעלט מיט א פערניכטענדען פייער.

דער וואס האט נים קיין פרוי, לעבט אהן בעקוועמליכקייט, אהן הילפע, אהן פריידע און אהן זעגען.

דיא הייראַטה.

דיא קלענסטע בלומען,
צוזאַמען קומען,
און שטעלען אָפּ א חופּה באַלד.
דיא גרעסטע בוימער,
גאָר אָהן א שומר,
זיי האבען חתונה אין פעלד, אין וואלד.
דיא ברואים אללע,
אלס חתן כלה,
אין רייהע זיינען אוים געשטעלט.

קיין איינער וועהרט־זיך,
און עס מעהרט־זיך,
און עס פרוכפּערט־זיך דיא וועלט.

* * *

דעם מענשענס צוועק און טהאט
דער זעלבער איז במעט
דאָך דארף ער א וועקלייגען אללע שאנדעס
ניט זיין קיין צופיעל בוואט
און פרעגען זיך א ראַטה
ביי דעם בעריהמטען דאָקטאָר לאַנדעס

1טער קאפיטעל.

וואס איז הייראטה?

הייראטה מיינט דיא געזעטצליכע פערבינדונג צווישען מאנן און פרוי. אזעלכע פערבינדונגען ווערען, ביינאהמע אין אללע פעללע, געמאכט דורך א קאנטראקט, און גרעסטענטהיילס ווערט עס געפייערט מיט א צערעמאני. אין דיא גאנץ אלטע צייטען פלעגען הייראטהען מעננער מיט פרויען פון דיא נאהענטסטע פערוואנדשאפט, זאגאר ברידער מיט שוועסטער. שפעטער האט דאס געזעטץ אנגעפאנגען צו רעגולירען וויא ווייט דיא פערוואנדשאפט דארף זיין, אום מען זאל מעגען הייראטהען, און אויך וויא שטארך דיא פערבינדונגען און דיא פערפליכטונגען זאלען זיין.

דיא צערעמאניען פון הייראטה זיינען ביי פערשיעדענע פעלקער אנדערש, אויך דיא געזעטצע זיינען פערשיעדען, און ווערען געענדערט לויט דעם פראגרעסס פון דער צייט. צום ביישפיעל: בייא דיא אלטע רוימער האט אמאל עקסיסטירט א געזעטץ אז א פרוי האט בעדארפט וואהנען מיט א מאן א יאהר צייט איידער זייא האבען געהייראטה. שפעטער איז געווארען א געזעטץ אז מען מוז צוערשט הייראטהען און נאכהער וואהנען צוזאמען. אויך דאס ביי׳ן הייראטהען מוזען זיין אנוועזענד נים ווייניגער אלס צעהן מאן.

עס איז אויך געוועזן א צייט ווען עס איז נים געווען קיין בעשרענקונג וויפיעל פרויען א מאנן דארף האבען. שפעטער האט דאס געזעטץ דיעזעס אויך אנגעפאנגען צו רעגוליערען. אבער דאס

בעפאהר איהר געהט הייראטהען מ׳ננער,
בעראטה זיך מיט דאקטאר לאנדעס דעם קענער
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

איז נאך ניט איבעראל בעגרענצט. אין פיעלע לענדער און בייא פיעלע נאציאָנען עקסיסטירט נאך יעצט אויך פּאָליגאמי (הייראַטהען מעהרערע פרויען). זאָגאר ה״ער אין אמעריקא געפינט זיך א סעקט׳ע וועלכע האבען צו עטליכע פרויען, דאס זיינען דיא מאָרמאָנען. דאס געזעטץ האט אָנגעפאנגען זיי צו פערפאָלגען און יעצט איז זיי ערלויבט צו וואהנען בלויז אין יוטאַ (אויף איין אנדער פּלאַטץ וועל איך בעשרייבען זייער הייראַטה).

ביי אידען האט אויך עקסיסטירט פּאָלינאמי. עס איז געוועזען א צייט ווען אידען האבען געהאט גאנצע הארעמס, נאטירליך דאס האבען זיך געקענט ערלויבען בלויז קעניגע, וויא שלמה אדער דוד, אדער גאנץ רייכע. מייסטענס האט מען געהאט צו צוויי אדער דרייא פרויען, אדער איין געזעטצליכע פרוי און דיא איבעריגע קעפּש ווייבער.

עס איז אויך ניט געווען קיין זעלטענהייט ווען אידישע שקלאַפען מיידלאך פלעגען ווערען דיא קעפּש ווייבער פון זייערע בעלי בתים. עס ווערט זאגאר ערינערט פעללע וואו פרוי׳ען פלעגען אליין אויסקלייבען פון זייערע דינסטען קעפּש ווייבער פיר זייערע מענגער.

שפּעטער האבען דיא פּראָפעטען אנגעפאנגען צו אגיטירען געגען פּאָליגאמי, און צו לערנען דאס פאלק אז דאס הייראטה מיט איין פרוי דארף זיין דער ריכטיגער אידעאל פון דעם מענשען.

יהושע און ישעיה זיינען געווען מאָנאָגאמיסטען, דאס הייסט זיי האבען געהאט צו איינציגע ווייבער.

פיהלט איהר אַ שוואכקייט אין אייערע ביינער,
איז דאָקטאָר לאַנדעס דער ספּעציאַליסט איינער.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

אין אלּלע ציוויליזירטע לענדער ווערט ניט ערלויבט יונגלינגע צו הייראטהען אהן דיא איינשטימונג פון דיא עלטערן אדער דיא אויפפאַסער. דערצו איז נאך פון געזעטץ בעשטימט דער עלטער פון מאן און פרוי, ווען זיי מעגען הייראטהען ווען זיי האבען שוין דיא ערלויבנים פון דיא עלטערן. צום ביישפיעל: אין עסטרייך מוז דער מאן אלט זיין 14 יאהר און דיא פרוי 14 יאהר; אין פראנקרייך—דער מאן 18 יאהר, דיא פרוי 15 יאהר; אין דייטשלאנד—דער מאן 18 יאהר, דיא פרוי 14 יאהר; אין גריכען לאנד—דער מאן 14 יאהר, דיא פרוי 12 יאהר; רוססלאנד—דער מאן 18 יאהר, דיא פרוי 16 יאהר; אין שפאַניען—דער מאן 14 יאהר, דיא פרוי 12 יאהר; אין טירקיי—ווען רייף; אין יונייטעד סטייטס—דער מאן 21 יאהר, דיא פרוי 18 יאהר.

בייא אידען פלעגט מען אמאל הייראטהען גאנץ יונג, זאָגאר אין דיא לענדער וואו דיא אנדערע פעלקער פלעגען הייראטהען פיעל שפעטער. ניט אללע מאל האט דער מאראלער געפיהל געפיהרט דאַצו. פיעלע מאל איז דאס געוועזן דער רעזולטאַט פון פאָליטישע אורזאכען, וויא צום ביישפיעל: אין רוססלאנד האט אמאל עקסיסטירט א געזעטץ אז מען פלעגט נעהמען יונגע קינדער פיר סאָלדאטען, נור דיא וואס זיינען געוועזן פערהייראטה פלעגט מען ניט נעהמען. דאס האט געבראכט דאַצו אז עס פלעגען הייראטהען יונגע קינדער, צו 12 אדער 13 יאהר (אין דיא צייט פון דיא קאַנטאָניסטען). אין אנדערע לענדער פלעגט זיין פאָלגענדע אורזאכע

זייט איהר פון אַ געהיימע קראַנקהייט פערפיהרט,
צו דאָקטאָר לאַנדעס געהט, און איהר ווערט קורירט.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

ווען דער פאטער פון א מעדכען האט געהאט נדן אנגעגרייט פיר זיין טאכטער, פלעגט ער וועלען דאס זיא זאל הייראטהען וואס שנעלער, אום ער זאל איהר קענען אבגעבען דעם נדן, ווייל ער איז אימער געווען אין שרעק אז דורך די פערפאלגונגען פון לאנד וועט ער פערליערען דאס געלד.

* * *

דער ערשטער פונקט פון די אינטערנאציאָנעלע געזעטצע ווענען הייראטה איז, אזביידע וואס פערבינדען זיך, דער מאן און די פרוי, מוזען זיין געשלעכטליך פעהיג צו פיהרען א פערהייראטהען לעבען, און דארום וועל איך אין דיזען בוך בעהאנדלען גרעססטענטהיילס וועגען די געשלעכטליכע פערבינדונג פון הייראט.



אָפּעראַציאָנס־צימער.

האט איהר חלומות, שלעכטע טרוימע,
דאָקטאָר לאַנדעס גיט אייך אַ רפואה שלמה.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

2־טער ארטיקעל.

ווען א פּערזאָן ווערט רייף

און דיא צייט ווען צו הייראַטהען.

ווען א מאַן עררייכט דיא פּעריאָדע פון פאָרטפּלאנצונג (רע־פּראָדוצירונג) בעקומט ער א נייגונג געגען דיא פרוי, וועלכע ער קען ניט ווידערשטעהען, און זיין גאנצע שטרעבונג טראַגט זיך דערצו. דאס איז דער בעשטימונגס קרייזיס פון געדאַנקען און קערפּער, וואס דאצו איז דיא הייראַטה דער איינציגסטער מאָראַלער אונד נאַטירליכער מיטעל פיר דיא אינדיווידועלע פּערזאָן וויא אויך פיר דיא געזעלשאַפט אין אלגעמיין.

אויב דער געשלעכטליכער פערקעהר איז ניט אין גאנצען צו־פריעדען־שטעלענד איז עס שעדליך פיר'ן געזונד, הויפּזעכליך פיר דיא פרוי, ווייל פיעלע פרויען בעקומען דעם פּראַכט פון זייער פיזישע ענטוויקלונג ערשט נאכדעם וויא זיי הייראַטהען.

עס איז שווער צו זאגען ווען עס איז דיא ריכטיגע צייט פיר א פערזאָן צו הייראַטהען, ווייל דאס ווענדעט זיך גרעסטענטהיילס פון דעם געזונדהייטס צושטאנד, דיא קערפּערליכע ענטוויקלונג און טעמפּעראַמענט. אים אלגעמיין פאדערט זיך דערצו דיא פאָל־שטענדיגע ענטוויקלונג פון דיא געשלעכטליכע אָרגאַנען וואס זאָ־לען ניט הינדערן דיא רעפּראַדוצירונג. דערצו איז נויטיג אז בייא

מאַכט אייער קראַנקהייט אייך אין הויז פערבלייבען,
דאַרפט איהר נאָר צו דאָקטאָר לאַנדעס שרייבען.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

דעם מאַן זאל דער וואוכש צו פערקעהר זיין ענטוויקעלט אויף א נאטירליכען ארט. מען מוז אויסמיידען אללע אונגאטירליכע אויפ־רעגונגען. עס איז נויטהיג דאס ביידע געשלעכטען זאללען זיין פאל־שטענדיג אין דיא פעריאדע פון רעפראדוצירונג.

עס איז א טהאטזאכע אז דיא וואס הייראטהען צו יונג, בע־פאָהר זי זיינען קערפערליך ענטוויקעלט, ווערען שנעלל פערוועלקט. אין דיא לענדער וואו עס ווערט ערלויבט יונג צו הייראטהען, האַ־בען דיא געזעטצגעבער אנגענוהמען דיא צייט ווען דער מענש איז פעהיג צו רעפראָדוצירען, פיר דיא ריכטיגע צייט צו הייראטהען.

דיא פרוי פאנגט זיך ערשט דאן אָן פיזיש צו ענטוויקלען, ווען דיא פעריאָדישע צייט קומט אָן. דער גאנצער קערפער הייבט זיך אָן צו פאָרמירען אין דיא פאלשטענדיגקייט. אויך דער כאראקטער און דיא געדאנקען ענדערן זיך, דאן ווערט זיא ערשט אַ פ ר ו י.

ביי דעם יונגע ווערען דיא אָרגאנען גרעסער. עס פאָרמירט זיך א פליסיגקייט, דיא שטימע ווערט טיעפער, דיא מוסקולען ארום האלז דיקער, דאס געזיכט טהייל־וויז בעדעקט מיט האאר, דאן ווערט ער אַ מ אַ ן.

ווען דיא פרוי פאנגט אן צו פילען אז איהרע בריסט ווערען גרעסער, איז דאס דער צייכען אז זיא ווערט גרייט צו זיין א מוטער. אללע איבעריגע אָרגאנען ווערען אויך פערפאָלשטענדיגט. זיא פאנגט אן צו פילען אנדערש, איהרע געדאנקען, איהר געדולד איז אַנדערש.

ווילט איהר זיך פילען יונג לעבהאַפטיג און שעהן, מוזט איהר וואס פריהער צו דאָקטאָר לאַנדעס געהן.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרס.

אויף דער מאנן פילט גאנץ אנדערש ווען ער ווערט רייף. ער ווערט שנעל אויפגערעגט, ער איז וויניגער געזעצט, מעהר אונגע־דולדיג, און אין אלגעמיין איז ער אין א צערשטרייטען צושטאנד.

דיא פאלשטטענדיגע פערפאלקאמונג צו הייראטהען ביי פרויען קומט ערשט אין דיא יאהרען פון 18 ביז 22, וועהרענד דיא רייפ־קייט קומט אין מאנכע פעללע אין דיא יאהרען פון 12 ביז 15. ביי מעננער קומט דיא פערפאלקאמונג צו הייראטהען אין דיא יאהרען פון 20 ביז 24; וועהרענד דיא רייפקייט קומט אין דיא יאהרען פון 14 ביז 17.

אין דיא ווארעמע געגענדען, צום ביישפיעל איטאליען, טירקיי, און איבערהויפט אין אזיען ווערען דיא פרויען שנעללער רייף אלס אין דיא קעלטערע געגענדען, דארום הייראטהען אין דיא ווארעמע געגענדען אזוי יונג, אין מאנכע געגענדען זאגאר צו 10 אדער 12 יאהר.

פיעלע סטאטיסטיקער האבען זיך אבגעגעבען מיט דעם שטו־דיאום פון דיא ווירקונג וואס יונגע הייראטה מאכט, און זיינען געקומען צו בעשלוס ערשטענס: דאס פריהצייטיגע הייראטה פער־אורזאכט דיא אבשוואכונג פון דיא רעפּראָדוציִרענדע אָרגאנען; אויך ווען קינדער ווערען געבארען אין אזעלכע פעללע, איז עס זעהר זעלטען אז זיי בלייבען לעבען; צווייטענס: דאס ווען דיא הייראטה איז ריכטיג צוזאמענגעפאסט פון פראדוצירענדע יאהרען, דאן קען עס דערפון זיין געבורטען, דאס הייסט אויב דער מאן האט גע־

ווילט איהר געזונדע קינדער בריינגען,
מוזט איהר דאָקטאָר לאַנדעס בעלל רינגען.
140 איסט 22סטע סטריט, ניו יארק.

הייראטה אין דיא יאהרען פון 26. אויב זיי האבען געהייראטה אין דיא שפּעטערע יאהרען, דאן וועלען זיי ווייניגער געבורטען. ווען מיר בעטראַכטען דעם דורכשניטליכען פערהייראטהען לעבען, מער־ קען מיר אז דיא גרעסטע צאהל געבירטען פּאסירט ביי דיא וואס דער מאן איז יונגער פיר דער פרוי; וועהרענד פערקעהרט, וואו דער מאן איז עלטער, איז דיא צאהל פון געבורטען ניט גרויס. דאס צייגט אז דיא געבורטען זיינען מעהר אבהייננינג פון מאן.

שפּעטיגע הייראטהען האבען אויך זייערע פעהלערען, און זיינען גראדע אזוי שעדליך וויא יונגע. עלטערע מעננער זיינען מאנכעס מאל אויך פעהיג צו ערפילען דיא פּראדוצירענדע טהאט, אבער זייער פלייסינקייט ענטהאלטעט ניט אללע איינענשאפטען וויא ביי א מאן אין מיטעלע יאהרען. עס איז פיעל שיטערער, ניט אזויא יויים און מעהרער דורכזיכטיג. אין אלגעמיין ווערט דער מאן דאצו אונפעהיג אין דיא יאהרען פון 50 ביז 60: צו 60 יאהר קען נאך א מאן האבען קינדער, אבער זיי קענען בלויז זיין קראנקע און שוואכע. מען קען עס אָפט בעמערקען, קינדער פון אללע פאטערס. דיא קאפּ איז ביי זיי איינגעזונקען צווישען דיא פלייצעס; דיא ארעמס זיינען צו לאנג; דיא הענד צו בריים; דיא פיס אויסגעבויגען. דאס צייגט דיא סימפּטאָמען פון ניט פאלשטענדיגע ענטוויקלונג.

דיא פרוי ליידעט אויך פון שפעטען הייראטה. איבערהויפּט ווען זיא הייראטה אין דיא יאהרען פון 35 ביז 40. דאן זיינען איהרע אינעווענינסטע אָרגאנען און דיא געבעהר מוטער ניט אזוי עלאַס־

פעהלט אייך מוטה, האט איהר קומער,
געדענקט נור דאָקטאָר לאַנדעס נומער.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

טיש, און ווען עס קומט צו האבען א קינד נעהט עס צו מיט גרויסע שווירינהייטען, און עס קומט אָפט אויס צו געברויכען אינסטרו־מענטען דאס קינד ארויס צו נעהמען, ווייל דיא ביינער זיינען צו־זאמענגעוואקסען.

דאקטאָר ריללעט, פון זשענעווא, שווייץ, האט געמאכט א שפעציעלען שטודיאום וועגען הייראטה צווישען פערוואנדטע, און בריינגט דיא רעזולטאטען פון זיינע פאָרשונגען אויף פאלגענדעם ארט:

„דאס ווען נאהענטע פערוואנדטע הייראטהען, זיינען זייערע קינדער גרעסטענטהיילס נאריש, מיט שוואכען פערשטאנד, ניט פאלשטענדיג ענטוויקעלט, זאגאר דיא פיזישע און מאָראלע ענט־וויקלונג זיינען זעהר שוואך.

אזעלכע קינדער זיינען זעהר לייכט אונטערוואָרפען אונטער קראנקהייטען: נערוועזע, זיי האבען דיא פאליגע, מאנכע זיינען אידי־אָטיש, טויבע און שטומע, פאראליזירטע און אלגעמיינע צושטערונג.

זייא זיינען אונטערוואָרפען אונטער די קראנקהייטען פון סקראָ־פול אונד שווינדזוכט. זיי שטארבען שנעלער און פראָפאָרציאָנעל פיעל מעהר וויא דיא קינדער, וואס ווערען געבארען אונטער אנ־דערע אומשטענדע.

ווען אזעלכע קינדער קומען אריבער דיא יוגענד, זיינען זיי דאָך נאָך א־ממער אונטערוואָרפען אונטער פערשיעדענע קראנקהייטען מעהר וויא אנדערע קינדער.

איז אייער קערפער אפגעשוואכט דערציילט
נאָר דאָקטאָר לאנדעס און איהר ווערט געהיילט.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

עס זיינען דאָ אויסנאהמען, דאס זיינען אבער אין דיא פעללע ווען דיא עלטערן זיינען בעזאָנדערס קרעפטיג.

מען זאגט געוועהנליך, אז א מענש קען ניט לעבען מיט ברויט אליין. דאס הייסט: דער מענש האט אויסער פיזישע פאָדערונגען אויך אינטעלעקטועלע און מאָראלע פאָדערונגען, וועלכע דארפען בעפריעדיגט ווערען. דאדורך שטרעבט דער מענש צו ערדייכען דאס שעהנע און דאס גוטע, און ווען ער עררייכט עס ווערט ער דאצו גלייכגילטיג.

דיא זעלבע זאך איז אויך מיט ליעבע. זאָבאלד דער מאן האט עררייכט צו וואס ער האט געשטרעבט בעקומט ער באלד דערצו אבשייליכקייט. דיא ליעבע וואס ווערט אויסגעאיבט שנעל אדער לאנגווייליג דורך הייראטה, בעפרייט דעם מאן פון דיא טיראניי פון זיינע פיזישע אָרגאנען. דאס איז אויך דיא אורזאכע וואס באלד נאכ'ן הייראטה ווערט דער מאן קאלטבלוטיג אין זיינע געפיהלע, און ביי פיעלע מעננער קומט ארויף דער געדאנקען אז הייראטה איז דער גראָב פון ליעבע.

דאָך ווייכען מיר, אז דיא ריינע, וואהרע, ערהאבענע ליעבע ווערט ערשט געבארען דאַן, ווען דיא אנדערע זאָרט ליעבע שטאַרבט אפּ. עס איז א נויטוועגדיגע פאָדערונג אין פערהייראטהען לעבען, אז דיא ליידענשאפט זאל פערוואנדעלט ווערען אין העכערע גע־פיהלע.

בעפאָהר איהר נעהמט הייראטהען מעננער,
בעראָטה זיך מיט דאָקטאָר לאַנדעס דעם קענער
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

אויסער דעם וואס ליעבע אין הייראטה איז א זיכערהייט פון גליקליכען פאמיליען־לעבען, האט עס אויך א גרויסען איינפלוס אויף דיא צוקינפטיגע דורות. דיא קינדער פון ליעבענדע עלטערן צייכענען זיך אויס בעזאָנדערס מיט זייער פערשטאַנד און מיט זייער פעהיגקייט צו שטודירען.

דאָקטאָר מייער בעהויפטעט, דאס פון פיעלע נאָכפאָרשונגען צייגט זיך ארויס, דאס ווען פרויען ווערען גייסטיג צופריעדענגעשטעלט, האט עס אויך א גרויסע ווירקונג אויף דיא געביהר אָרגאַנען, וועלכע פערברייטען זיך און פאָרמירען זיך אין א מעהר פאַסענדע צושטאַנד פיר'ן צוזאמענקונפט. דאגעגען אבער: אונצופריעדענהייט, שרעק און מורא, פאַראַליזירען דיא געביהר אָרגאַנען. אויך דיא קראַפט פון פאָרשטעלונג האט א ווירקונג אויף דיא פערגעניגונגען פון ליעבע, ווייל דורך דעם ווערט ערוועקט דיא אויפרעגונג און דאס בריינגט דיא אָרגאַנען אין א פאַסעגדען צושטאַנד פיר'ן צוזאמענקונפט.

שליסליך מוז איך זאגען דאס אויך דער מאָראַלער צושטאַנד פון דעם מאַן און פון דיא פרוי, האט אַ גרויסען איינדרוק אויף דיא קינפטיגע דורות, אויסער דעם וואָס עס האט פיעל צו טהאָן מיט דעם געגענווערטיגען צושטאַנד פון פאַמיליען־לעבען.

מעננער! פיהלט איהר שוואך בעראטה זיך מיט דר. לאַנדעס, 140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

3־טער קאפיטעל.

וואס פיר א פרוי א מאן דארף הייראטהען.

ווי א יונגער מאן ווארפט א'ן אויג אויף דאס שעהנע געשלעכט ווען עס געפעהלט איהם א מעדכען, און ער האט אין זיננען מיט איהר צו הייראטהען, דארף ער אם ערשטען אויפפאסען און גוט בעאבאכטען וויא אזוי דאס מעדכען פיהרט זיך אויף אין איהר אייגענע פאמיליע, און וויא וויים זיא ווערט געאכטעט פון איהרע עלטערן און איהרע נאהענטע בעקאנטע. אויב זיא מהוט איהרע פליכטען וויא געהעריג איז. אויב זיא אכטעט און שעצט איהרע עלטערן, אויב זיא איז גוט צו איהרע ברידער און שוועסטער, און אויב זיא ווערט נים שנעל אויפגערעגט און אין כעס, אויב איהרע געדאנקען זיינען לעבהאפטע און פול מיט האפענונג. אויב איהר פערגעניגען בעשטעהט מעהר אין דיא געזעלשאפט פון איהר היים. עס איז אם בעסטען אויסצוקלייבען א פרוי וואס צייגט ארויס עדעלע בעוועגונגען, און האט א שעהן געבויטען קערפער מיט ברוינע געדיכטע האר. אזעלכע פרויען זיינען זאנפטמוטהיג און קרעפטיג. שעהנע בלאנדינען דארף מען אויך ניט פעראכטען. זייערע אייגענשאפטען זיינען מעהר געניינט צו קענטעניס, וויססען וויא זיך צו בענעהן מיט מענשען, צו לעהרנען, צו בעטראכטען. ברוינע אדער שווארצע האאר צייגען ארויס נייטט, פייער, לעב־

פערליהרט איהר מעננער קראפט אדער זאמען ערפאינערט זיך אין דר. לאנדעס נאמען.
140 איסט 22 סטריט, ניו יארק.

האפטיגקייט. דאנעגען זיינען ברונעטען געניינט צו דעספאטימוס. רויט האריגע האבען דאס רוב ניט קיין שעהנע קינדער.

דיא בלאנדיינע האבען מייסטענס בלויע אויגען, דיא ברונעטע שווארצע אדער ברוינע אויגען. דאס אויג איז דאס שפיגעל פון דיא זעלע. מען זעהט דארין לעבהאפטעס, נייסטרייכעס און צו גלייכער צייט צערטליכקייט און בעשיידענהייט. פרויען אדער מעד־כען מיט בלויע רינגען ארום דיא אויגען זיינען שטארק ליידענ־שאפטליך, עס ציינט ארויס אינערליכע טרויעריגקייט און זיינען געניינט צו אויסשווייפונג. דאס איז אבער ווען דיא בלויע רינגען ארום דיא אויגען זיינען ניט געקומען פון א קראנקהייט. דיא פרוי דארף האבען רויטליכע ליפען. בלאסע ליפען זיינען צייכענס פו שוואכען געזונד.

פרויען וואס זייער געזיכט איז האאריג זיינען בעזאנדערס נע־ניינט צו איבען שטארק זייער ליידענשאפט, און בעזיטצען ניט דיא צערטליכקייט וואס א פרוי דארף האבען,

איינע פון דיא וויכטיגסטע פונקטען וויא צו פערזיכערען דאס גליק אין פערהייראטהען לעבען בעשטעהט אין א גלייכען פארטנער. ווען א מאן קלייבט אויס א פרוי וואס איז ניעדעריקער אדער הע־כער פון איהם שטאנד, אין יחוס רייכער אדער ארעמער, יינגער אדער עלטער, דאן קען ניט זיין קיין גליקליכער לעבען. עס וועט אימעמער פארקומען קריעג. איינע דיא אנדערע וועלען אימעמער האבען וואס אויפצואווארפען און דער פערהייראטהער לעבען וועט

ווערט איהר אלט פאר דער צייט,
איז דר. לאנדעס אדרעס ניט ווייט,
140 איסט 22־טע סטריט, ניו יארק.

פאר זיי ביידען זיין א גיהנום אויף דער וועלט.

דער תלמוד זאגט (פסחים דף מט' עא') ווען א תלמוד חכם'ס א טאכטער הייראטה אן עם הארץ, איז ווי ער לייגט איהר א געבונדענע פאר א לייב, און נאך אין ארט איז געשריעבען אז אלע פראפעצייהונגען פון דיא פראפעטען ווערפילט ווערען אויף דעם וואס וועט פערהייראטהען זיין טאכטער צו א נער־לעהרטען.

דער תלמוד זאגט אויך, אז דער מאן דארף שטאמען פון א העכערען שטאנד וויא דיא פרוי, און דריקט אוים מיט דיא ווער־טער: איך דארף ניט קיין שוך וואס איז גרעסער פון מיין פוס. (קדושין דף מט').

וואס פיר א מאן א פרוי דארף הייראטהען

ווען א יונגע מערכען האלט ביי'ן הייראטהען, דארף זי הא־בען אין זינען אז איהר פליכט איז צו ברייננען א נייע גענע־ראציאן און אויב זיא וויל האבען געזונדע קינדער, דארף זיא זיין גוט פארזיכטיג אין אויסקלייבען א מאן.

מעננער אין מיטטען וואוקס, קרעפטיגע, מיט שטארקע מוס־קולען זיינען אם בעסטען פאסענד צו ברייננען געזונדע קינדער. לאנג־הא֊אריגע מעננער זיינען ניט שטארק ליידענשאפטליך, און ברייננען זעלטען גייסטרייכע אדער קרעפטיגע קינדער, מעננער

ווילט איהר געזונדע קינדער ברינגען,
מוזט איהר דר. לאנדעס בעלל ריגגען,
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

מיט דיקע, ברוינע האאר שעהן בעוואקסענע באארד, געדיכטע ברעמען מיט א רונדען בויך, זיינען געוויס פעהיג צו האבען געזונדע פעהיגע קינדער. אויך איז אם בעסטען ווען דער מאן האט לעב־האפטע אויגען אין אויסדרוקפאלע געזיכט און א שטארקע ברוסט.

מעננער וועלכע האבען אין דער יוגענד גענאסען צופיעל פון ווענוס און באקכוס (זנות און שכרות) זיינען געוויס ניט פעהיג צו פיהרען א גוטען פאמיליען לעבען, זייא זיינען שוועכלינגע אף א פרוי קען נים לעבען גליקליך פיר אזא מאן. אויך דארף א פרוי אויסמיידען צו הייראטהען א נערוועזען מאנערען, בלאסען מאן ווייל דאס זיינען צייכענס פון שוואכקיים און קראנקהיים. דיא בעסטע יאהרען פיר א מאן צו הייראטהען איז צווישען צוואנציג און דרייסיג.

קורצליך וועט ערשיינען דר. לאנדעס בוך נומער 4

זינד געגען דיא נאטור.

דאס וועט זיין איינע פון דיא וויכטיגסטע ביכער וועלכע יעדער מענש מוז לעזען. עס וועט אויפקלעהרען דעם לעזער וויא אזוי עס ענטשטעהט אין דעם מענשען געוויסע איינענשאפטען, און וועט ענטדעקען אזעלכע זאכען וואס וועט איבערראשען דעם עולם.

מעננער! בעפאהר איהר הייראטה, בעראטה זיך מיט
דר. לאנדעס 140 איסט 22טע סט., ניו יארק.

4־טער קאַפּיטעל׳

דער ערשטער טאג נאך דער חתונה.

גרויסע געלעהרטע האבען שוין לאנג פּראטעסטירט געגען דיא מאדע וואס עקסיסטירט ביי דיא רייכע, צו פאהרען גלייך נאך דער חתונה אויף א לוסט רייזע. דיעזע וועדינג־טריפּס זיינ׳ן פאַר־זיטיוו געגען דיא היגיעני פון הייראטה. דיא שטענדיגע אונרוהיג־קייט, אויפרעגונג, פאהרען אויפין אייזענבאהן, און זעהן פערשיע־דענע נייע געגענדען, אדער אלטע אנטיקען, פארנעהמען דעם געדאנקען; און אנשטאט דעם וואס עס זאל זיך ביי דיא מוטער ענטוויקלען דעם געפיהל זיך פאר צו ברייטען צו שוואנגערשאפט פארנעמט זיא איהר גאנצע ענערגיע אויף זייטינע זאכען.

אויך דער מאן פעראינטערעסירט זיך מיט לאַנדשאַפטען, אללע פאלאטצען, פערשיעדענע אנטיקען און דאס גלייכען. דאס נעמט פון איהם אוועק זיין ענערגיע, און אנשטאט וואס ער זאל זיך אינטערעסירען מיט זיין יונגע פרוי, ווערט ער צו איהר קאלט בלוטיג, און דאס צושטערט דעם ריכטיגען עפעקט וואס דיא געשלעכטליכע פערוואנדשאפט דארף האבען.

ביי׳ געוועהנליכען פאלק, ביי אידען איבערהופּט, קומען אזעלכע זאכען כמעט ניט פאַר, דארום זיינען אידען מעהר פרוכטבאר.

ביי׳ן ערשטען צוזאמענקונפט האט דער מאן א שווערע אויפ־

פיהלט איהר אַ שוואכקייט אין אייערע ביינער,
איז דאָקטאָר לאַנדעס דער ספּעציאַליסט איינער.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

נאבע וויססענדיג דאס דורך דעם וואס ער וועט צופריעדענשטע־
לען זיין ליידענשאפט, וועט ער פערשאפען זיין יונגע פרוי שמערצען.

דיא פרוי וועלכע האט נאך ביז דאן ניט נעהאט דיא ערפאה־
רונג ווערט איבערראשט פון דיא שמערצען און צו גלייכער צייט
פון דיא ברוטאליטעט פון איהר מאן.

עס איז דארום ראטהזאם דאס דער מאן זאל זיין אומשטאנדע
זיך צו בעהערשען און צו בעהאנדלען דיא פרוי מילד און צערטליך
דאס זיא זאל מיט צופרידענהייט עמפפאנגען זיין ליידענשאפט,
ווייל דער מאן איז אומשטאנד צו ערוועקען אין דיא פרוי איין אבשטוי־
סענהייט צו איהם, ווען ער בעהאנדעלט איהר טהיריש; דערפאר
אבער אויב ער בעהאנדעלט איהר צערטליך, נימ זיא זיך איהם
איבער מיט'ן גאנצען הארצען.

דיעזער איינדרוק פון דיא ערשטע נאכט פערבלייבט ביי דיא
פרוי אין געדאנקען אויף פיעלע יאהרען, און דאס האט אויך א
גרויסע ווירקונג אויף איהר גייסטיגען צושטאנד, וועלכע קען ניט
לייכט פערענדערט ווערען. פאלגליך ווענדעט זיך דאס אן דעם
מאן דאס דיעזער איינדרוק זאל זיין א גוטער אדער א שלעכטער.

ווען דער מאן איז צופיעל אויפגערעגט, דאן פערשאפט ער
דיא פרוי גרויסע שמערצען, עס ענשטעהט ביי דיא פרוי איין ענט־
צינדונג און דאס פיהרט אונאנגענעהמליכקייטען. דאגעגען אבער,
ווען דער מאן איז מילד, דאן קומט פאר דיא ערשטע צוזאמענ־

זייט איהר פון א געהיימע קראנקהייט פערפיהרט,
צו דאקטאר לאנדעס געהט, אוז איהר ווערט קורירט.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

קונפט אַהן גרויסע שמערצען, און ביידע ווערען צופריעדענגעשטעלט.

דאָקטאָר מארין שרייבט: וואס טראכטען זיך דאס דיא מענ־נער מיט זייער היילעניש? דאָס איז דאך א פעראייניגונג אויפ'ן גאנצען לעבען, און זיי ווילען דאך געווג צופריעדענשטעלען זייער מאטעריעלען וואונש. זיי־דיא מעננער האָבען זיך דאך שוין צופריע־דען געשטעלט אויף אזא ארט צעהנדלינגע מאָל. דאס איז אָבער נים גלייך. יעצט פיהלען זיי זיך גליקליך ווען זיי בעריהרען דיא יונגפרוי (בתולה) ווייל דאס איז א בעוויז פון אונשולד פון דיא פערזאָן וואס זיי האבען געהייראטה.

עס איז אַ איבערצייגנטער פאקט אז פרויען זיינען אים שטאנדע זיך זעלבסט צופריעדענשטעלען זייער ליידענשאפט און נים צושמעטערען דיא הויט זעלבע דאקטוירים רופען „היימען". אין פיעלע פעללע ווערט עס נים צושטערט דערפאר ווייל עס איז עלאסטיש, ציעהענט, און דערפאר פערבלייבט עס אין דעם געוועגליכען צושטאנד.

מען דארף אויך נים פערגעסען אז עס עקסיסטירט געגוג מיטלען פעלשען דיא אונשולדיגקייט און מאנכע געשיקטע פרויען זיינען אימשטאנדע אויף א קינסטלעכען ארט צו צייגען דיז' בלוט, וואס אין אמת'ן האבען זיי עס שוין גאניץ לאנג פערלארען. עס קען נים זיין קיין לייכטערע זאך פיר דיא פרוי צו בעשטימען דעם טאג פון דיא האכצייט זאל אויסקומען אין דיא לעצטע טעג פון איהרע פעריאָדישע (מאָנאטליכע) צייט. אדער אריינצוטריפען

פערליהרט איהר מעננער קראפט אדער זאממען ערהאַלטען זיך אין דר. לאַנדעס נאמען.

140 איסט 22 סטריט, ניו יארק.

איינינע טראָפּען בלוט פון אירגענד וועלכע טהיר. — ווענען נאכ־מאכען דעם וועהטאָג איז דאָך גאָר קיין ריידע ניט, ווייל עס איז דיא לייכטסטע זאך נאָכצומאכען אז מען פיהלט שמערצען, אזוי גענוי אז עס איז אונמעגליך צו דערקענען אז עס איז נאָכגע־מאכט ווענען דיא שמאָלקייט פון דיא געוויסע טהייל, וועל, דער־צו זיינען דאָ גענוג טואלעט וואסערען, וואָס ווערען פערקויפט ביי דיא פערפיומער, ביינאהע יעדער אפּאָטהעקער האָט ערפונ־דען דערצו א נייעם מיטעל.

דאָס זיינען אלעס וואהרהייטען, וואָס פּאסירט אין דער גאנצער וועלט.

דאָקטאָר לאנדעס בוך נומער 5

דיא ליעבע

איז יעצט אין פּאָרבערייטונג און ועט ענטהאלטען פיעל אינטערעסאנטע אונד בעלעהרענדע ארטיקלען. ערקלעהרונגען וויא אזוי עס ענטשטעהט דער געפיהל פון ליעבע און וואָס פיר א ווירקונג דאָס מאכט אויף דעם קערפּערליכען ארגאניזם און אויף דיא גייסטיגע ענטוויקלונג.

ווערט איהר אלט פאר דער צייט,
איז דר. לאנדעס אדרעס ניט ווייט,
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

5טער קאפיטעל.

וויא מעננער זאָלען זיך בענעהן מיט פרויען.

אום צו מאכען די הייראטה צופריעדענשטעלענד אין אללע הינזיכטען פון לעבען, דארף מען בעטראכטען די קערפערליכע צופריעדענשטעלונג פיר דאס וויכטיגסטע. עס מוז זיין ביי דעם מוענשען העכערע געפיהלע, איידעלערע פאָדערונגען און זיטליכערע בענעהמונגען אלס די ברוטאלע הערשאפט פון מאן איבער דער פרוי; דאָך דארף מען ניט פערגעסען אז אהן די געשלעכטליכע פערבינדונגען קען דאס הייראטה אויף קיין פאלל ניט צופריעדענשטעלען די בעטרעפענדע פערזאָנען, וויא אויך די געזעלשאפט אין אלגעמיין, ווייל בלויז איינער פון די פערהייראטהע פאָאר איז ניט פעהיג דערצו. דארום מוז דער צווייטע פערזאן אדער ווערען אונטריי, אדער זיך איבער געבען צו זעלבסט־בעפריעדיגונג, וואס דאס איז די געפעהרליכסטע זאך פיר דעם מענשען.

(אין מיין בוך ״דער מעננער פריינד״ קען דער לעזער געפינען העכסט אינטערעסאנטע פאקטען צו וואס אזעלכע פיהרונגען האט געבראכט).

אום אויפצוהאלטען די האַרמאָני אין דעם פערהייראטהען לעבען מוז סיי דער מאן, סיי די פרוי אימטער זיך בענעהן מיט׳ן צווייטען מילד. דער מאן האט די אקטיווע ראלע און די פרוי

מאכט אייער קראַנקהייט אייך אין הויז פערבלייבען, דאַרפט איהר נאַר צו דאָקטאָר לאַנדעס שרייבען.
140 איסט 22סטע סטריט, ניו יארק.

דיא פּאַסיווע. אום דער מאַן זאָל זיין אימשטענדע צו ערפילען זיין מענשליכע פּליכט, מוז ער זיין דאַצו אין אַזאַ צושטאַנד דאַס אַללע זיינע גליעדער זאַללען קענען זיין טהעטיג, זאָנסט קען ער ניט צופריעדענשטעלען זיין וואונש. דיא פרוי, וועלכע איז נאָר דיא פּאַסיווע, קען צו יעדע צייט ערלויבען דעם מאַן אויסצואיבען זיין וואונש. זיא מוז אָבער ניט בלייבען קאַלטבלוטיג, ווייל עס איז אַ הר פליכט צו עמפּפאַנגען דעם מאַן אויף אַזאַ אַרט אַז דיא צו־זאַמענקונפט זאָל ניט געשטערט ווערען.

דיא צוזאַמענקינפטע צווישען מאַן און פרוי דאַרפען פאָרקומען ליעגענדיג. מען מוז גוט אין אַכט נעהמען אַז צוזאַמענקינפטע שטעהענדיג אָדער זיטצענדיג זיינען זעהר געפעהרליך. עס פּאַסירען דורך דעם פערשיעדענע סיבות, עס מאַכט נערוועז און עס פּאַראַ־ליזירט מאַנכע טהיילען פון קערפּער.

דער פראַנצויזישער דאָקטאָר מויען דערצעהלט פאָלגענדע אינ־טערעסאַנטע געשיכטע:

„אַ יונגער סטודענט האָט אָבגערעדט מיט זיינע פריינד צו טרעפען זיך מיט זיי אין אַ וויין־הויז. געהענדיג אַהין האָט ער בע־געגענט אַ יונגע מיידעל, וועלכע ער האָט געליעבט. דיינקענדיג אַז עס איז אַ פּאַסענדע צייט צופריעדענשטעלען זיין וואונש, האָט ער אין היילעניש זיך מיט איהר פעראייניגט שטעהענדיגערהייט. אין איינינע מינוטען אַרום איז ער שוין געזעסען אין וויין־הויז מיט זיינע פריינד און האָט אַנטהייל גענומען אין געשפּרעך. ווען ער האָט

פעהלט אייך מוטה, האָט איהר קומער,
געדענקט נור דאָקטאָר לאַנדעס נומער
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

זיך געוואַכט אויפהויבען, האט ער געפיהלט אז עס איז אונמעגליך. זיינע פיס זיינען פאראליזירט געווארען און האבען זיך ענטזאגט צו בעוועגען. דיעזער צושטאנד האט געדויערט איינינע טעג,"

דערפון קען מען זעהן אז דער צוזאמענקונפט מוז פאסירען אין בעט, ווייל ליעגענדיג זיינען די א אָרגאנען אין געהעריגען צושטאנד און מען קען האבען די א פאלקאמנע צופריעדענהייט. ווען מען טהוט עס אנדערש, דאן איז עס געפעהרליך.

וויא אָפט דער געשלעכטליכער פערקעהר זאל פארקומען, ווענ־דעט זיך נאך דעם טעמפעראמענט, נאך די א יאהרען, נאך די א נאטירליכע פאָדערונגען און אויך נאך די א צייט וויא לאנג מען איז פערהייראטה. געוועהנליך גלייך נאך דער הייראטה פאדערט זיך אָפטערע צוזאמענקינפטע, נאכהער אלץ זעלטענער. פערשטאנ־דיגע מענשען בעגניגען זיך מיט פינף אדער זעקס מאל א מאָנאט. דער רעליגיאנס־געבער מאכמעט האט ערלויבט פערהייראטהע פערזאָנען צוזאמען צו קומען ניט מעהר וויא איין מאל א וואך; היפּאָקראט (דער ערשטער וויסענשאפטליכער מעדיקער) אויך דאס זעלבע; סאָלאָן—ניט מעהר וויא איין מאל אין צעהן טעג.

מעננער גיבען זיך אָפט איבער ציפיעל אויסצואיבען זייער לוסט און עס איז מיין פליכט זייא צו ראטהען דאס זייא זאלען זעל־טענער צופריעדענשטעלען זייער ליידענשאפט. דער צו־אָפטער פערקעהר צווישען מעננער און פרויען מוז בעטראכט ווערען אלס א געפאהר. דער טעגליכער צוזאמענקונפט איז אימשטענדע צו

ווילט איהר זיך פילען יונג לעבהאַפטיג און שעהן,
מוזט איהר וואס פריהער צו דאָקטאָר לאָנדעס געהן.
143 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

רואינירען דאס אלגעמיינע געזונדהייט אויף אזוי ווייט אז עס איז מאנכעס מאל ניט מעגליך צוריקצוקריגען די קרעפטען וואס מען האט דאבייא פערלארען.

די ליעבע

ליעבען, ליעבען איז א גרונד,
ליעבען מוזען אלע,
דאך א מאן מוז זיין געזונד,
ווען ער וויל א כלה.
ווען א קראנקער נעמט א ווייב,
איז ער א געפלאקטער.
דארום בחור, היט דיין לייב:
זעה בעפאר א דאקטאר.
יעדער איינער זעהט עס קלאהר,
וויא פון מאנכע מענער
קומט ארויס א קראנקער דור,
קריפעלס, וויא זאגט, יענער.
דארום וואויל דיר ווען דוא פרעגסט
דאקטאר לאנדעס ראטה
ווען ער זאגט דיר אז דוא מעגסט
נעה, זאג: הרי־את".

ווילט איהר געזונדע קינדער בריינגען,
מוזט איהר דאקטאר לאנדעס בעלל ריגגען.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

6־טער קאפיטעל.

איז הייראטה א גליק אדער א'ן אונגליק?

ווען מיר בעטראכטען דעם פערהייראטהען לעבען דורכשניטליך, זעהען מיר אז עס איז אלגעמיין נים קיין פאלשטענדיגע צופרידענהיים.

ווייניג האבען געפונען זייער גליק אין הייראטה, דערפאר אבער האט עס געבראכט פיעל אונגליק, טרויער און גרויזאמע ליידען צו א סך מענשען, פון די חופה ביז'ן קבר.

עס איז נים שווער צו דערקענען וועלכע פאאר פאלק עס זיינען פערהייראטה.

ווע איהר זעהט אין סטריט א מאן און הינטער איהם געהט נאך א פרוי אויף וועלכע ער קוקט זיך קנאפ וואס אום, איז עס א סימן אז דאס איז זיין פרוי.

ווען איהר הערט א פרוי דערציילענדיג א געשיכטע, און א מאן בעמערקט דערביי אז דיא געשיכטע איז אלט פון מלך שא־בעצקעס יאהרען איז עס א סימן אז דאס איז איהר מאן.

ווען מיר זעהען אין א סטרים קאר אדער אין א טהעאטער א מאן מיט א פרוי וועלכע זיינען זעהר לייגגווייליג און ריידען נים איינע מיט דיא אנדערע, איז עס א סימן אז דאס איז א פער־הייראטהע פאאר.

בעפאהר איהר געהט הייראטהען מעננער, בעראטה זיך מיט דאקטאר לאנדעס דעם קענער

140 איסט 22טע סטרים, ניו יארק.

נאטירליך, עס זיינען דא גענוג פערהייראטהע מעננער מיט פרויען וואס לעבען זיך גאנץ גליקליך, אבער דאס זיינען אויס־נאהמען.

יעצט איז דיא פראגע, וואס מאכט דעם פערהייראטהען לעבען אזוי אונאינטערעסאנט? אזוי בעלעסטיגענד, אז איינע דיא אנ־דערע ווערען אונערטרעגליך. שטעהענדיג אונטער דער חופה האפט דער מאן און דיא פרוי, אז פון יעצט פאנגט זיך אן דער פארא־דיז אויף דער וועלט. עפעס א קלייניגקייט? מיט מיין געווינשטע פערזאן ווער איך פערבונדען אויף עוויג.—עס דויערט ניט פיעל, בלויז איינינע יאהר, ביי מאנכע נאך וויינינער, און זיי פאנגען אן צו פיהלען א געוואלדיגען לאסט. דיא היים ווערט ביי זיי א'ן אסטראג און אללע האפענונגען פון א גליקליכען פאמיליען לעבען פערוואנדלען זיך אין א לעבען פון געצוואונגענהייט.

ווארום איז דאס אזוי?

אמאליגע יאהרען, ווען דער חתן מיט דיא כלה האבען זיך ניט געזעהען ביז דעם טאג פון דער חתונה, ווען זייערע עלטערן פלעגען פיר זיי בעשטימען דיא שדוכים, איז עס ניט געוועזן קיין וואונדער ווען מען פלעגט טרעפען א קאלטהייט צווישען א פער־הייראטהע פאאר; אבער יעצט, ווען דיא גרעסטע צאהל הייראטהס קומט פאר דורך ליעבע, זאגאר געלט שפיעלט יעצט אויך ניט קיין וויכטיגע ראלע,—איז דאך א וואונדער וואס מיר זעהען אזוי פיעל אונצופריעדענע הייראטהס.

איז אייער קערפער אפגעשוואכט דערציילט

נאר דאקטאר לאנדעס און איהר ווערט געהיילט.

140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

דער אנטוואָרט דרויף איז:

דיא מעננער און פרויען ווערען היינטיגע צייטען ניט ערצויגען ווי גיהעריג איז. זיי ווערען ניט פאַרברייטעט צו פיהרען א פאַמיליען לעבען, דארום געפינען זיי ניט דאַס גליק אין הייראַטה.

פיעלע מעננער געהען הייראַטהען און בעטראַכטען גאָר ניט אויב זיי האבען א רעכט דערצו. ווען זיי געפעלט א מעדכען, איז זייער גאנצע שטרעבען מיט איהר צו הייראַטהען; אָבער ווען זיי וואָלטען געווען פאַרזיכטיג געגוג צוערשט זיך צו בעראַטהען מיט אין ארצט אויב זיי זיינען אימשטאַנדע צו פיהרען א פאמיליען לעבען, וואלט דער ארצט איהם געזאָגט וויא עס איז פיר איהם גלייכער, אויב ער זאל זיך אין גאנצען צוריקהאַלטען פון הייראַטה, אָדער ער קען זיך פערפערטיגען צו פערפאלקאמען זיינע פיזישע קרעפטען און פיהרען א פאָלשטענדיג גוטען פאמיליען לעבען.

בעטראַכטענדיג דיא וויכטיגקייט פון מאָראלען צושטאַנד אין פערהייראַטהען לעבען, מוזען מיר צוגעבען אז דיא פיזישע צו־שטאַנדע פון מאַן און פון דיא פרוי זיינען דיא הויפט גרינדליכע אורזאכען וועלכע קענען אויפהאַלטען דיא הארמאָני צווישען דיא פערהייראַטהע פּאָאַר.

מיין לאנגיעהריגע פּראקטיק אלס ספּעציאַליסט אין מעננער קראנקהייטען האָט מיר געצייגט אז דאס גרעסטע טהייל אונצו־פריעדענהייט און אונגליקען אין פערהייראַטהען לעבען ענטשטעהען דערפון וואס דיא מעננער זיינען ניט אימשטאנדע צו פיהרען א

פאמיליען לעבען, און דאס פיעלע הייראטהען וועלכע וואָלטען געבראכט גליק צו דעם מאן און דיא פרוי, ווערען דורך דיעזע אורזאכען פערוואַנדעלט אין טרויער און אונגליק.

מעננער וועלכע האבען געפיהרט א צו פעסטען לעבען און זיינען שוין האלב אָבגעלעבט, נעהען הייראטהען מיט א מעדכען וועלכע פאננט ערשט אָן אריינצוטרעטען אין דיא געשלעכטליכע פערבינדונגען, עס איז דארום קיין וואונדער ניט וואס דיא מעננער ווערען שנעל אונפעהיג צו ערפיללען זייערע מעגליכע פליכטען, און פיעלע פרויען ווערען דורך דעם אונטריי צו זייערע מעננער.

מיינער א פאציענט וועלכער איז דירעקט געקומען פון פילא־דעלפיא זיך צו קורירען, האט זיך פיר מיר פערטרויט זיין גאנצע פערביטערטע הארץ, ער האט מיר דערצעהלט זיין גאנצע פער־גאנגענהייט, און האט מיר ענדעקט דיא אורזאכע פון זיין אנגליק־ליכען פערהייראטהען לעבען.

בעפאָר ער האט צוריק אפגערייזט נאך פילאדעלפיא האָט ער מיר געזאגט פאלגענדע ווערטער.

„דאָקטאָר לאנדעס! מיט אייניגע מאָנאטען צוריק, ווען דער בעכער מיט ביטערע טראָפּענס פון מיין לעבען איז שוין געוועזן פערפול ווען איך האב זיך ארומגעזעהען אז איך האב נים קיין פריינד אין לעבען, זאָנאר מיין אייגענע פרוי איז מיר פאלש דאן האב איך בעשלאסען זיך צו נעהמען דאס לעבען. איך בין געגאנ־גען סייפען קארבאל, און האב געהאפט אַז דאס וועט מיר ערלייז־

מעננער! פיהלט איהר שוואך בערעטה זיך מיט דר. לאַנדעס, 140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

זען פון מיין ליידען אויף עוויג. אויפ'ן וועג האב איך דערזעהן אויף א סטענד א בוך מיט דעם נאמען „דער מעננער פריינד", איך האב זיך געשטעלט די פראגע: האט מאן א פריינד? וועל, איך האב געקויפט דאס בוך פיר בלויז 12 סענט און האב זיך פער־אינטערעסירט לעזענדיג. דאס האט מיך געבראכט אהער און יעצט זעה איך אז איך האב ווירקליך געטראפען דעם ריכטיגען מעננער פריינד. איך האף אז פון יעצט אן וועט מיין לעבען זיין פיעל בעסער וויא בעפאר און די אורזאכען וואס האבען געבראכט דעם אונגליק איז מיין פאמיליען לעבען וועלען זיך ניט אומקעהרען".

דאס איז בלויז איין איינציגער פאלל. אין מיין לאנגיאהריגען פראקטיק האב איך זיך אנגעהערט פיעל אזעלכע געשיכטעס, און האב א רעכט צו זאגען אז פיעלע אונגליקען אין פערהייראטהען לעבען קומען דורך דעם וואס די מעננער זיינען ניט אימשטאנדע צו ערפילען זייערע פליכטען

נאך א וויכטיגע אורזאכע איז די שאנדע, ווען מאנכע מעננער וואלטען ארונטערוואַרפען די שאנדע און דערצעהלט דעם דאק־טאר זייערע ליידען און ניט ווארטען ביז עס איז צו שפעט, וואלט דאס פיעל פערלייכטערט זייערע לעבען.

ווערט איהר אלט פאר דער צייט,
איז דר. לאנדעס אדרעס ניט ווייט,
140 איסט, 22־טע סטריט.

7טער קאפיטעל.

פאָרטפלאַנצונג.

בעטראכטענדיג דיא וויכטיגקייט פון דעם איינפלוס וואס דיא ערבליכקייט (ירושה) האָט אויף דעם צושטאנד פון דיא קינדער איז עס שוידערהאפט צו דיינקען אונטער וועלכע אומשטענדע דיא פאָרטפלאנצונג קומט פאָר. אללעס ווערט איבער געלאזען צום שיקזאל. ווער טראכט דאן ווענען קינד? קיינער ניט. ווער דארף ווענען דעם דיינקען? דיא גאנצע וועלט. ווען דארף מען ווען דעם דיינקען? איממער. עס איז ניט מעגליך דאס א'ן ערענטליכער מאן וועלכער איז אין פאללען פערשטאנד, זאל זיך ניט צוריק האלטען פון פראָדוצירען אקינפטיגען דור, ווען ער וויים אז עס וועט ארויס קומען א'ן אונגעלומפערטע בעשעפענים, וואָס קען זיין מעהרער פערברעכעריש, וויא צו ברייגגען אויף דער וועלט א'ן אידיאָט, וויסענדיג בעפאָר אז דאָס וועט זיין דער רעזולטאט.

איך האב שוין ניט איין מאל געזעהען וויא פערצווייפעלט א פאָטער ווערט ווען ער דערזעהט אז זיין נייע געבארענעם קינד איז אקראנקע אדער א פערזעהעניש. נאכדעם וויא איך האָב פאנאדער געפרעגט פערשיעדענע פראגען, האב איך געזאָגט דעם פאָטער: „עס איז אייך צו בעדויערן, אָבער איהר זייט אליין דיא אורזאַכע דערפון", דארויף האט ער מיר געענטווערט: „איך האב ניט געוואוסט".

דאס וויכטיגסטע וואס געהערט צו דעם געזונד, צו דיא

ווילט איהר געזונדע קינדער ברינגען,
טוט איהר דר. לאנדעס בעלל רינגען.

קרעפטען און זאגאר צו דאס לעבען פון די קינדער, ווערט פער־
נאכלעסיגט אדער גארניט גענומען אין אכט. צו ברייגנען אויף
דער וועלט א נייעם דור איז זעהר וויכטיג. אין דעם בעשטעהט
דאס גליק פון פערהייראטהען לעבען, און דארום איז ווערט אז
יעדער מאן זאל וויססען וויא זיך צו בענעהן.

די וויססענשאפט לערנט אונז יעצט, אלס פאזיטיוו, דאס ווען
א מאן איז שיכר איז ער אימשטאנדע צו געבען דאס לעבען א קינד
וואס זאל האבען דיא פאליגע. עס איז איין אונבעשטרייט־
בארער פאקט דאס דער צושטאנד פון פאטער און מוטער האט
פיעל צו טהון מיט דיא קערפערליכע ענטוויקלונג פון דאס קינד
וואס דארף געבארען ווערען. דאס וויכטיגסטע איז דאס דער
גייסטיגער צושטאנד פון קינד געהערט אויף א'ן דעם צושטאנד
פון דיא עלטערן. קינדער ווערען געבארען מיט קראנקהייטען,
שוואכע, מיט קראנקע אויגען, אידיאָטען, מיט שוואכען פערשטאנד,
וועלכע זיינען געפעהרליך פיר זיך און פיר אנדערע. עס איז א זינד
אויף דיא עלטערן, ווען זיי געבען דיא געבורט צו אזעלכע קינדער.
עס איז מעגליך אז זיי וויסען אליין ניט אז זיי זיינען דארין דיא
שולדיגע, אבער עס איז פיעל גלייכער ווען אזעלכע קינדער ווערען
גאר ניט געבארען. דער שולד פון דיא עלטערן בעשטעהט אין
דעם וואס זיי קומען צוזאמען אין אזעלכע צייטען ווען מען דארף
דאס אויסמיידען.

עס איז וואָונדערבאר צו בעטראכטען וויא אזוי דיא הויזליכע

פיהלט איהר א שוואכקייט אין אייערע ביינער,
איז דר. לאנדעס דער ספּעציאליסט איינער,
140 איסט 22־טע סטריט ניו יארק.

טהיערע וויסען וויא זיך צו בענעהן אום צו בריינגען קלאָרע, פאַלשענדיגע און געזונדע דורות.

עס איז א בעשטימטע זאך דאס עס איז נויטהיג אויסצוקלייבען א געוויסע צייט אום צו בריינגען א פאָרטפלאַנצונג אונד אויך דאס עס איז נויטהיג געוויסע מאָמענטען אויס צומיידען. עס איז אונ־בעדינגט נויטוועגדיג אויסצומיידען דיא אויפרעגונג אין אזעלכע צייטען ווען דער קערפער איז אָבגעשוואכט פון קראנקהייטען, פון כראָנישע אנשטעקענדע קראנקהייטען, אונהיילבארע קראנקהייטען אדער אזעלכע קראנקהייטען וואס זיינען מיט א קורצע צייט צוריק געהיילט געוואָרען, וויא צים ביישפיעל: נאך טייפוס פיבער, אדער אנדערע וויכטיגע קראנקהייטען; אדער ווען דיא פרוי איז בלוט־ארעם. דער צופיעל אויסגעארבייטער צושטאנד פון א דיינקער אדער א ליטעראט איז אויך ניט ווייניג געפעהרליך. איבערהויפט דארף מען אויסמיידען דיא פראדוצירונג אין א צייט ווען דער מאן אדער דיא פרוי איז קערפערליך אדער גייסטיג אויסגעמאַטערט.

עס האט פיעל מאָל פאססירט דאס די קינדער פון א גרויס געלעהרטען זיינען נאריש אדער אין גאנצען אונפערשטענדיגע אידיאָטען. ניט אללע מאל איז אבער דער פאקט אז ביי א געלעהר־טען זיינען דיא קינדער אונפערשטענדיגע; עס טרעפט אויך אז איינגע פון דיא קינדער זיינען העכסט קלוג. און האבען א שנעלען בעגריף פון אללעס וואָס עס קומט זיי צום האנד,

מען קען גאנץ אָפט מערקען אז דיא ערשטע געבארענע קינדער

זייט איהר פון א געהיימע קראַנקהייט פערפיהרט, צו דאָקטאָר לאַנדעס געהט, און איהר ווערט קורירט.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

זיינען שוואך, נים נענוג פיזיש ענטוויקעלט. דאס איז גרעסטע טהיילס דערפאר ווייל דיא מוטער הייראטה צו יונג און זיא איז נאך אליין נים גענוג פיזיש ענטוויקעלט. נאך איין אורזאכע איז דא און דאס איז וואס דיא פארטפלאנצונג איז פארגעקומען צו שנעל נאך דיא אנשטרענגונג און אויפרעגונג פון דיא האכצייט צערעמאניען. די בעהויפטונג אז די היגיענע פון דאם קינד פאנגט זיך ערשט דאן אן ווען דיא מוטער פאנגט אן צו פיהלען דאס קינד, איז אבער נים וואהר, דער ערשטער עפעקט פון פארטפלאנ־צונג מאכט אגרויסע ווירקונג אויף דיא ערבשאפט, וואס געהט איבער פון עלטערן צו קינדער.

מען געפינט אין בעשרייבונגען פערשיעדענע אינטערעסאנטע ערציילונגען וועגען קינדער וואס זיינען געבארען געווארעז אונטער פערשיעדענע אומשטענדע. אין שטערנ'ס נאוועלע „טרוסטראם שענדי" זאגט דער בעטרעפענדע פערזאן אז ער איז אביסעל נים וויא געהעריג, דערפאר ווייל זיין מוטער האט אין דיא צייט פון בעפרוכטונג געזאגט צו זיין פאטער אז ער האט פערגעסען אנצו־ציעהן דעם זייגער. דערמיט האט זיא איהם אונטערבראכען און דיא ווירקונג פון פארטפלאנצונג איז געווען צושטערט.

אמאליגע מאהלער אדער ארטיסטען פלעגען אויפהייגנען בילדער פון ווענוס און אנדערע געטער, אין זייערע שלאף צימערן, ווייל זיי האבען נעגלויבט אז די פיזישע און זאגאר די מאראלע צושטאנדע פון דיא קינדער הייננט אב אן דעם געדאנקען מיט

פיהלט איהר אַ שוואכקייט אין אייערע ביינער, איז דאָקטאָר לאַנדעס דער ספּעציאַליסט איינער.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

וועלבען מען איז אין דיא צייט פון פארטפלאנצונג.

גרויסע פילאזאפען און געלעהרטע פערבאטען דיא צוזאמענ־קונפט פון מאן און פרוי באלד נאכדעם וויא מען קומט פון א לויה, וויל דאן זיינען דיא געדאנקען טרויעריגע און דאס קעןווירקען אויף דעם געדאנקען פון דאס קינד וואס דארף געבארען ווערען.

דיא מעהרסטע צאהל געבורטען קומען פאר אין דיא מאנאטען פעברואר מארטש; דאס איז דערפאר וויל אין דיא מאנאטען מאי און דזון קומען פאר די גרעסטע צאהל בעהעפטונגען וואס ווירקען אויף א פארטפלאנצונג. דערפון קען מען זעהען אז דער פריהילינג איז דיא גינסטיגע צייט דערצו.

דיא פאסענדסטע צייט פיר'ן צוזאמענקונפט איז דאן ווען ביי דיא פרוי ענדיגט זיך איהר מאנאטליכע. צו יענער צייט זיינען דיא ארגאנען פאסענד פיר דעם. דיא בעאבאכטונגען צייגען אז אין אזעלכע פעללע ווערען מייסטען געבארען זכרים.

עס איז זעהר פיעל דיספוטירט געווארען וועגען דיא פראגע אויב עס איז מעגליך אין פאראויס צו בעשטימען וואס עס זאל געבארען ווערען, א יונגע אדער א מעדכען. וויא דיא וואהרהייט איז בלייבט דיא פראגע נאך ביז יעצט ניט קיין ענטשיעדענע, און פערבלייבט נאך אלס א פערבארגענהיים. דאך צייגט עס אז ווען דיא פרוי איז אין איהר פאללען פיזישען, געזונדען, צושטאנד, דאן האט זיא אפטע קינדער און גרעסטען טהיילס זכרים.

(אין מיין בוך „דער מעננער פריינד" געפינט זיך א העכסט

מעננער! בעפאהר איהר הייראטה, בעראטה זיך מיט דר. לאנדעס 140 איסט 22טע סט., ניו יארק.

אינטערעסאנטע בעשרייבונג פון דעם בעריהמטען פראפעסאר שענק'ס טהעארי, פיידוש 76).

לויט אנדערע בעהויפטונגען איז דער גרעסטער צאהל פון געבורט פון זכרים דאן ווען דיא מוטער האט ניט קיין אפטע קינדער.

דאקטאר קוק בעהויפטעט אז ווען דיא פארטפלאנצונג קומט פאר פאר האלבע נאכט, וועט געבארען ווערען א יונגע, ווען עס קומט פאר נאך האלבע נאכט, וועט געבארען ווערען א מעדכען. דער אראבישער דאקטאר רהאזעס און אויך מיללאט האבען בע־הויפטעט אז ווען דיא פרוי ווערט בעפרוכטעט אויף דער רעכטער זייט וועט זיא געבארען א יונגע; און ווען זיא ווערט בעפרוכטעט אויפ'ן לינקען זייט, וועט זיא געבארען א מעדכען. מיין בע־הויפטונג איז, אז דיא אלע טהעאריען צייגען ניט קיין ריכטיגע בעגרינדונג אויף א וויסענשאפטליכען ארט, און וואס מען וועט ניט טראכטען וועגען דעם, וועט דיא נאטור טהון דאס איהריגע.

אום צו האבען פיינע עדלע קינדער, פון דער נאטור מיט גו־טע כאראקטערע, דארף דער מאן און דיא פרוי זיין טריי איבער־געבען איינע צו דיא אנדערע, און אין דיא צייט פון פארטפלאנצונג זאל ניט נור זיין דיא טהירישע בעפריעדיגונג, נור עס זאל אויך הערשען צווישען זיי איין עדלער געפיהל פון ליעבע. ווען לודוויג דער 14 האט געפרעגט דעם דאקטאר גוענאוד, ווארום דיא קינ־דער פון דער קעניגין זיינען אזוי שוואך און לעבען ניט לאנג, האט

פערלירט איהר מעננער קראפט אדער זאמען
ווענדעט זיך אין דר. לאנדעס נאמען.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

ער דארויף גענענטוועדט ; „אייער עקסעלענץ, איהר האט געגעבען דער קעניגין אייער פליסינקייט וועלכע האט ניט קיין קראפט“ איהר האט דיא בעסטע קוואליטע פון אייער פליסינקייט אוועק געגעבען צו אייערע מאטרעסען, קעפס ווייבער.

מען קען בעהויפטען אז דער פיזישער און גייסטיגער צושטאנד פון קינד איז דער לעבעדיגער פארטרעט פון דיא עלטערן און דיא צייט פון בעפרוכטונג. עס איז דארום אם בעסטען דאס דער מאן מיט דיא פרוי זאלען זיין ביין פאללען פערשטאנד, ערנסט און צופריעדען אין דיא צייט ווען זיי פארבערייטען זיך צו בריינגען א קינד אויף דער וועלט.

אונפרוכטבארע הייראטה איז ניט געזעלשאפטליך ; דאס קינד איז א צייכען פון דיא ריכטיגע, פאסענדע פערבינדליכקייט צווישען מאן און פרוי. אין פיעלע פעללע איז דיא אונפרוכטבאר־קייט דאדורך ווייל ביי דיא פרוי ווערט פערהאלטען דעם מאנס פליסיגקייט דורך דיא אונרעגעלמעסינקייט פון דיא קאנאלען און קען דארום ניט קומען אין דעם ריכטיגען פלאטץ, אויך קומט עס דערפון וואס ביי מאנכע מעננער זיינען דיא געשלעכטס אָרגאנען ניט גענוג ענטוויקעלט.

דיא געקסטע צווי ביכער פון דר. לאנדעס

„זינד געגען דיא נאטור“—„ליעבע“

פעהלט אייך טוטה, האט איהר קומער, געדענקט נור דאָקטאָר לאַנדעס נומער

140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

שוואנגערשאפט.

8־טער קאפיטעל.

ווען די פרוי עררייכט די צייט פון שוואנגערשאפט, פער־לירט זיא צו דער זעלבער צייט איהר ליידענשאפטליכען וואונש צו דעם געשלעכטליכען פערקעהר. אין אזא צייט דארף א מאנן זיין וויינינגסטענס אזוי גוט וויא א חיה, ווייל ביי חיה׳ס פיהרט זיך, אזוי שנעל וויא די ווייבליכע ווערט שוואנגער, דאן מיידעט מען איהר אויס. אבער פיעלע מעננער שטעהען אין דיעזער הינזיכט פיעל ניעדעריגער פון חיה׳ס און גרייפען אָן זייערע פרויען אין די צייט ווען זיי שוואנגערן, און נעמען ניט אין אכט די סיבות וואס טרעפט דערפון, און ניעבען זיך דאן נאך מעהר איבער צו בעפריע־דיגען זייער ליידענשאפט וויא אין אנדערע צייטען.

פון צוא אפטע צוזאמענקונפטע אין צייט פון שוואנגערן ווערט ביי די פרוי צושטערט די געביהרמוטער און עס פאסירט אָפטע מפלען, וואָס דאס איז א געפאהר פיר די פרוי.

איבערהויפט איז עס זעהר וויכטיג דאס דער מאן זאָל צורוה לאָזען די שוואנגערע פרוי פון צוויימען ביז׳ן פיערטען מאָנאט ווייל דאן איז די פרוי מעהר גענייגט צו מפלען וויא אין אירגענד וועלכע אנדער צייט. אויך אין דעם ניינטען מאָנאט דארף די פרוי זיין רוהיג, ווייל פון די קלענסטע אויפרעגונג קען זיא אנפאנ־גען צו געהן צו קינד.

ווילט איהר זיך פילען יונג לעבהאַפטיג און שעהן, מוזט איהר וואס פריהער צו דאָקטאָר לאַנדעס געהן.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

אין אלגעמיין איז דיא פרוי פעהיג צו רעפראדוצירען אין פער־לויף פון דרייסיג יאָהר. עס איז פיעל גלייך אויב דיא רייפקייט דערצו איז געקומען צו עלף יאָהר אדער צו צוואנציג. דאך איז עס נייטיג צו בעמערקען, אז ביי דיא פרויען וואס דיא אויפרעגונג קומט דורך דאס געפיהל פון פארשטעלונג. איז דיא פעריאָדע פון רעפראָדוצירען לייגגער וויא ביי דיא פרויען וואָס ווערען אויפ־געוועגט דורך דעם ווארעמען קלימאט.

דיא קראפט פון איינבילדונג שפילט זעהר א וויכטיגע ראָלע אין שוואנגערן. אין מיין בוך „דער מעננער פריינד" איז דאָ איין העכבסט אינטערעסאנטע בעשרייבונג פון א פרוי וואס האט גע־שוואנגערט און האט זיך אריינגענומען אין געדאנקען אז איהר קינד, וואס ועט געבארען ווערען, זאל זיין א גרויסער מוזיקער. דיא גאנצע צייט פון שוואנגערן איז זיא ארומגעגאנגען מיט דעם געדאנקען, זיא האט נור געטראכט פון מוזיק, ווען זיא האט זיך דערוואוסט פון א גרויסען קאנצערט איז זיא געגאנגען הערען, און האט זיך אין אלגעמיין אינטערעסירט בלויז מיט מוזיק. ענדליך האט זיא געבאָרען דאס קינד און האט איהם געגעבען א גוטע ערציעהונג. יעצט איז ער איינער פון דיא גרעסטע מוזיקער אין דער וועלט.

נאך איין פאקט קען איך ערמאנערן פון מיין אייגענע ערפא־רונג. מיט א קורצע צייט צוריק איז צו מיר געקומען א פרוי מיט

ווערט איהר אלט פאר דער צייט,
איז דר. לאנדעס אדרעס ניט ווייט,
140 איסט 22־טע סטריט, ניו יארק.

א קינד, דאָס קינד איז אלט געווען איינינע מאָנאטען, עס איז געבארען געווארען מיט פּאַראַליזירטע פיס. איך האב פאנאנדער־געפרעגט דיא פרוי וואס פיר א וויכטיגע זאכען עס האבען פּאסירט אין דיא צייט וואס זיא האט געשוואנגערט. עס האט זיך ארויס־געצייגט אז אין דיא צייט ווען זיא האט געשוואנגערט איז איהר מאן געקומען פון דער ארבייט מיט אבגעשניטענע פינגער זיא האט זיך דערשראקען, און דערפון איז געליימט געווארען ביי דאס קינד דיא פיס.

דיא קריטישע צייט פיר א פרוי איז דאן ווען עס קומט דיא ענדערונג אין איהר לעבען דאס הייסט ווען זיא הערט אויף צו האבען דיא מאָנאטליכע פעריאדען. דאָס איז א שווערע, שמערצ־פולע צייט פיר א פרוי אריבער צו טראגען, דאן פאנגט זיא אָן צו ליידען פון ניערען קראנקהייט, אלגעמיינע שוואכקייט, שמערצ־פולע פערדייאונג, היסטערישע סימפּטאָמען, הארצקלאפּונג, שפייען מיט בלוט און נערוועזע צושטערונגען. זעהער אפט טרעפט עס אז דאס דיא געביהר מוטער ווערט ערקראנקט און עס קומט פאָר א בלוט שמירץ. דאן איז דיא צייט ווען דיא פרוי ענדערט זיך אין איהר פארם, אין איהר דיך, איהר שטימע ווערט שטארקער, און ביי מאנכע פאנגט אָן צו וואקסען האאר אויף דיא באקען אדער אויף דיא אויבערשטע ליפ.

דיא אויפרעגונג אין דיזע קריטישע צייט קען ברייננען צו

מאַכט אייער קראַנקהייט אייך אין הויז פערבלייבען, דאַרפט איהר נאָר צו דאָקטאָר לאַנדעס שרייבען.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

מאָראַלע צושטערונג, מאַנכע ערקלעהרען אַז דיא שטענדיגע אונ־
צופריעדענהייט און קאָמפּליינס פון אַ שוויגער איז דער וואָס
זיי זיינען אין דיא פעריאָדע ווען עס ענדערט זיך זייער לעבען.
דאַמאָלסט ווערען פרויען געמבלערס, זיי פאַנגען אָן צו שיכר'ן
און ביי אַנדערע פעלקער ווערען זיי העכסט רעליגיעז.

פרויען וועלכע זיינען גלייכגילטיג צו געשלעכטליכע פער־
ביגדונגען ווערען אָפט ליידענשאַפטליך אויפגערעגט. דאָס
טרעפט מייסטענס ביי יונגע, אָהנע אירגענד וועלכע אויסערליכע
אורזאַכען, בלויז דורך פאָרשטעלונגען אין געדאַנקען. דאָס טרעפט
ווען זיי זיינען צווישען זייערע אייגענע קינדער, אָדער צווישען
פרעמדע קינדער. דאָס ווירקט אַזוי ווייט אויף די ליידענדע
פרוי ביז זי בעקומט אין געדאַנקען בעפריעדיגונג. מאַנכעס מאָל
געדויערט עס אייניגע שטונדען און עס מאַטערט אַזוי אויס דאָס
מען פאַנגט אָן צו פיהלען אַלגעמיינע צושטערונג. מען איז שטענ־
דיג פערזאָרגט, פערטרויערט, אונצופריעדען פון לעבען.

ווען פרויען געפינען זיך אין אַזאַ צושטאַנד, דאַרפען זיי
אויסמיידען שווערע ארבייט און זיין וואָס מעהר אויפ'ן פרייען
לופט. מען דאַרף אויך אויסמיידען צופיעל היטץ אָדער קעלט.
עס איז אויך ראַטהזאַם דאָס אַ פרוי זאָל אין אַזאַ צייט ניט טראָ־
גען קיין קאָרסעט, זי זאָל נעהמען אָפט וואַרעמע בעדער, געהן שלאָ־
פען פריה און אויפשטעהן פריה, איהר דיעט זאָל זיין גאַנץ איינ־
פאַך און זאָל בעשטעהן מייסטענס פון גרינסען, וויין אָדער אַנדערע

ווילט איהר געזונדע קינדער ברינגען,
מוזט איהר דאָקטאָר לאַנדעס בעלל רינגען.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

שטארקע געטראנקע מיז מען פאזיטיו אויסמיידען. מיטעלמעסיגע בעוועגונגען איז בעסער וויא אין גאנצען רוהען אדער ניט טהון זיין ארבייט. דער קערפער און געדאנקען דארף האבען מיטעלמעסיגע בעשעפטיגונג.



No. 3. No. 2. No. 1.

וואס פיר א ווירקונג דער קארסעט האט אויפ'ן קערפער קען מען זעהען פון פאלגענדע איללוסטראציאנען:

נומער 1 צייגט דעם געוועהנליכען צושטאנד פון קערפער. מען קען זעהן דאס דיא לונגען זאלען זיין פריי און האבען פלאטץ וויא זיך צו פערברייטען ווען אטהעמען. דער לעבער איז אויף דעם ריכטיגען פלאטץ, דער מאגען איז בריים און האט גענוג פלאטץ פיר דיא שפייז. דיא גידערים זיינען אויך אין גיהעריגען צושטאנד.

נומער 2 צייגט וויא אללעס איז צוזאממענגעדריקט פון קארסעט מען קען זעהען וויא דיא לונגען זיינען צוגעדריקט איינע צו דיא

בעפאהר איהר גיהט היראטהען מעננער, בעראטה זיך מיט דאקטאר לאנדעס דעם קענער
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

אנדערע דאס שטערט דעם אטהעם. דער לעבער איז אנגעשפארט אַן דעם מאגען. דער מאגען איז אויסגעדרעהט, דיא גידערים זיינען אויך אויסגעדרעהט, דיא שפייז קען נים פערדייט ווערען, דיא צירקולאַציאָן איז נים קיין ריכטיגע.

נומער 3 צייגט וויא דיא ביינער וואקסען איין פון דעם שטענ־דיגען טראגען אַ קאָרסעט. ווען אַ שוואנגערע פרוי טראגט אַ קאָרסעט איז אין איהר קערפער ניטאָ קיין פלאטץ פיר דאס קינד זיך צו ענטוויקלען, דארום ווערען געבארען קליינע, שוואכע קינדער, וועלכע זיינען פיזיש ווייניג ענטוויקעלט.

דיא פרויען פערלירען זייער לוסט צו ליידענשאפט אין דיא צייט ווען עס קומט דיא ענדערונג אין זייער לעבען. עס טרעפט אָבער אז דער מאַן איז נאך דאן אין פולען קראפט, און דיא פרוי איז געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען צו דיא שטארקע ליידענשאפט פון איהר מאן, עס איז איממער געפעהרליך פיר דיא פרוי, ווען זיא גיט זיך איבער צום געשלעכטליכען פערקעהר אין דיעזע יאהרען, דיא נאטור פאדערט אז אין דיא צייט ווען דיא פרוי הערט אויף צו האבען איהרע מאָנאטליכע רעגעלמעסיגקייט זאָל אויפהערען דער געשלעכטליכער פערקעהר. אבער אין דיא פעללע וואו עס איז נויטווענדיג, זאלען דיא צוזאמענקונפטע פאסירען גאנץ זעלטען.

האט איהר געלייזען דעם מעננער פרייגד?

איז אייער קערפער אפגעשוואַכט דערציילט
נאָר דאָקטאָר לאַנדעס און איהר ווערט געהיילט.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

9טער קאפיטעל.

אמוסר השכל.

דער איינפלוסס וואס א פרוי האט איבער איהר מאן שפיעלט אפט זעהר א וויכטיגע ראָלע, און אין הונדערטע, פיעלייכט אין טויזענדע פעללע האבען פרויען פעראורזאכט מעננער צו ווערען שווינדלער, בעטריגער און זאָגאר מערדער. דאגעגען אבער, פאסירט עס אָפט אז א פרוי האלט אָפ דעם מאן פין שכרות, פון ניט אַנשטענדיגע פיהרונגען און גיט איהם גוטע עצות אין געשעפט.

ווען א פערנינפטיגע פרוי האט איין איינפלוס אויף איהר מאן דאן איז ער שוין ניט קיין פערפאלענער, ווייל זיא וועט איהם צוריק האלטען פון אללעס וואס עס איז פיר איהם ניט ראטהזאם, און ווען א מאן איז געבענטשט מיט א קלוגער פרוי, און ער פאלגט איהרע עצות, דאן קען ער זיך שטעצען גליקליך, אבער ניט אללע מאל דארף א מאן זיך לאזען בעאיינפלוססען פון א פרוי. עס טרעפט אָפט אז שלעכטע פרויען קענע בעאיינפלוססען מעננער, און זאגאר גוטע מעננער, וועלכע וואָלטען זאנסט קיין שלעכטעס ניט געטהון.

איך וועל דא בעשרייבען א פאקט וואס האט פאסירט מיט א קורצע צייט צוריק, מיט א קעניגליכע פאמיליע פון סערביען. דאס איז א געשיכטע פון צווי דורות. דער פאטער איז געווען, א צולאַ־זענער מאנן און האט פעראונגליקט זיין פרוי, דער זון פון אזא פאטער איז אויך ניט געווען קיין שיינער מענש. זיין פרוי איז

זייט איהר פון א געהיימע קראַנקהייט פערפיהרט,
צו דאָקטאָר לאַנדעס געהט, אוז איהר ווערט קורירט.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

געוועזן נאך ערגער פון איהם און איז אליין פערא͏ונגליקט געווארען מיט איהם צוזאממען.

* * *

מיט א פאָאר צענדליג יאהר צוריק איז געוועזן אין סערביען א קעניג מעלאן וועלכער איז ביינאהע אללעמען בעוואוסט דורך זיינע פיהרונגען, ער איז געוועזן פון דעם סאָרט מענשען וואס האלטען פון דעם כלל אז נור איין מאל לעבט מען אויף דער וועלט, און אנשטאט דעם וואס א קעניג דארף זיך אבגעבען מיט דיא פראגען פון לאנד און טראכטען וועגען דעם וואהל פון זיינע בירגער, האט ער נור געטראכט וועגען זיך און האט שטענדיג געזוכט מיטלען וויא צו פערברייגגען די צייט אין פערגעניגען, זוכען פערגעניגען אונד גליק אין זיין אייגענע פאמיליע, איז געוועזן גיט פיר איהם. ער האט געפונען פלעטצער וואס זיינען געוועזן פיר איהם מעהר אינטערעסאנט, און פלעגט זיך אפט פערקליידען אינקאגניטא און בעזוכען אזעלכע פלעטצער וואס פאסט נים פיר א קעניג. פערשטעלטער הייט פלעגט ער קומען אין מאנטע קארלא און געמבלען מיט דיא רולעט שפיעל, פון דארטען פלעגט ער זיך אראפכאפען אין פאריז און הולטאיסטווען, און שארלאטאנעווען אהן א ברעג.

צו הויזע האט ער געהאט א פרוי וועלכע האט געהאט א נאמען, אלס דיא שעהנע נאטאליא, זיא איז געוועזן א קלוגע און א אנשטענדינע דאמע; זיא פלעגט צוזעהען איהר מאנס פיהרונגען, און האט געמערקט אז ער פערברייגגט מיט דיא האף דאמען מעהר

פעהלט אייך מוטה, האט איהר קומער, געדענקט נור דאָקטאָר לאַנדעס נומער

צייט וויא מיט איהר. זיא האט פערשטאנען אז ער איז ניט קיין געטרייער מאנן צו איהר. און איז ניט קיין געטרייער קעניג צו זיין פאלק. זיא האט אָנגעווענדעט אללע מיטלען צו ענדערען דעם מאראלען צושטאנד פון איהר מאנן, זיא האט בעזייטיגט דיא האָף דאמען וועלכע זיינען איהר געווען אין וועג, זיא האט אָנגעשטעלט דיפלאמאטען צו פעראינטערעסירען דעם קעניג אין דיא פליכטען פון לאנד; עס האט אלץ ניט געהאָלפען—ווארום? וייל ער איז שוין געווען אזוי טיעף געזונקען אין דעם אונמאראלישען לעבען אז עס איז אונמעגליך געווען איהם ארויפצופיהרען אויף א ריכטיגע וועג.

צייטענווייז פלעגט ער זיך אַרומזעהן אז זיינע פיהרונגען טויגען ניט און פלעגט אויף אַ קורצע צייט ווערען אנשטענדיג און טהעטיג. דיא פרוי איז געווען גליקליך. זיא האט געמיינט אז דיא וועלט איז איהרע, נור ניט לאנג האט געדויערט איהר פריידע. באלד איז ער ווידער אוועק אין זיינע פריהערע וועגען, און דיא פרוי האט ווידער אנגעפאנגען צו זאָרגען.

זיי האבען געהאט אַ קינד. דיא מוטער האט איהר גאנצע ליעבע איבערגעגעבען צו איהר קינד און האט אין איהם געזוכט א טרייסט. זיא האט געוואלט געבען דאס קינד א גוטע ערציעהונג און אבהיטען איהם ער זאל ניט אוועק אין זיין פאטערס וועג.

דיא פרוי האט זיך ארומגעזעהען אז איהר מאן נעמבעלט און פערשפיעלט זיין פערמעגען. זיא האט געזעהן אז ער ספּענט געלד אָהן אַ רעכענונג און האט געוואוסט אז דאָס וועט איהם רואיני־

ווילט איהר זיך פילען יונג לעבהאַפטיג און שעהן, מוזט איהר וואס פריהער צו דאָקטאָר לאַנדעס געהן.

רען. זיא האט אנגעפאנגען צו קאנצענטרירען רייכטהום אין איהרע הענד. זיא האט געקויפט לאנד, און פארמס, און גערטנער און האט זיך פערזארגט מיט א גוטען פערמעגען.

עס האט זיך ביי זיי אנגעפאנגען א קריגעריי וועגען דיא ער־ציעהונג פון דעם קינד. ער האט געוואָהלט געבען א ערציעהונג לויט נאָך זיין פערשטאנד און נאָך זיין וואונש, דיא מוטער אבער האט פערשטאנען דיא געפאהר דערפון און האט זיך איינגעשטעלט אז זיא וועט ערציעהען דאס קינד נאָך איהר וואונש. זאָלאנג דאס קינד איז געוועזען קליין האט דיא מוטער געהאט איבער איהם דיא דעה, אבער דאס קינד איז געוועזען אַ טראהן נאכפאלגער, ער האט געמוזט פאַרבערייטעט ווערען צו זיין אליין א קעניג און דיא ערציע־הונג פון קינד איז אוועק גענומען געוואָרען פון דיא מוטער.

דיא פיהרונגען פון קעניג איז געווארען אויפפאלענד. עס האט אָנגעפאנגען צו הערשען אי׳ן אלגעמיינע אונצופריעדענהייט. מילאַן האט געמערקט אז דאָס פאלק סימפאטיזירט מיט דיא קעניגין און האט מורא געהאט אז מען וועט איהם ארונטערזעצען פון טראהן, און זיין פרוי וועט ווערען דיא הערשערין פון סערבין. ער האט פרובירט זיך אונטערחנפ׳נען אבער עס איז שוין געוועזען צו שפּעט, דער האס געגען איהם איז שוין געוועזען צו גרויס.

דאַן האט ער בעשלאסען אויפצוגעבען דעם טראהן, אבער דער זון איז נאָך געוועזען צו יונג צו ווערען קעניג. ער האט זיך בעראטהען מיט זיינע מיניסטארען און זיי האבען איהם געגעבען אי׳ן עצה ער

מאַכט אייער קראַנקהייט איך אין הויז פערבלייבען,
דאַרפט איהר נאָר צו דאָקטאָר לאַנדעס שרייבען.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

זאל גרינדען א קאבינעט פון מיניסטארען, וועלבע זאלען פיהרען דיא רעגירונג ביז דער קראָן פרינץ וועט אויסוואקסען.

דעם 6טען מערץ אין יאהר 1889 האט דער סערבישער קעניגן מילאן זיך ענטזאגט פון טראהן צו גונסטען פון זיין זוהן אלכסנדר, און איז אליין ארוים געפפאָהרען וואהנען אין פאריז אלס פריוואט איינוואהנער.

דיא מוטער איז פערבליבען מיט'ן קינד. יעצט האט זיא געהאפט אז זיא וועט קענען האבען א'ן איינפלוס אויף איהר זוהן, און קיינער וועט איהר ניט שטערען צו ערציהען איהם ווי געהעריג. דיעזע האפענונגען זיינען באלד צושטערט געווארען. עס האט ניט פיעל געדויערט און מילאן האט אויסגעפיהרט דורך די מיניסטארען אז מען זאל פערבאטען נאטאליען צו וואהנען אין סערביען.

אין א קורצע צייט נאך דעם וויא מילאן האט זיך ענטזאגט פון טראָן. האבען צוויי זשאנדארען ארויסגעפיהרט נאטאליען פון בעלגראד און איהר בעגלייט ביז דעם גרענעץ פון סערביען.

מען קען זיך פארשטעלען מיט וואס פיר א פארביטערטע הארץ דיא מוטער איז געווען ווען מען האט איהר אבגעריסען פון איהר איינציגען געליעבטען קינד. זייענדיג ווייט פון איהם האט זיא ניט אויפגעהערט צו זאָרגען וועגען איהר קינד, וועלבער איז אין פערלויף פון דיא איניגע יאהרען אונטערגעוואקסען, און דורך איינפלוס האט זיך גענומען הערען אז עס וועט זיין א שידוך צווישען אלכסנדר פון סערביען מיט טאטיאנען, דיא טאכטער פון אלכסנדר דעם דריטען, דיא שוועסטער פון יעצטיגען צאר ניקאָלאי

וועדט איהר אלט פאר דער צייט,
איז דר. לאנדעס אדרעס ניט ווייט,

דער סערבישער קראָן פרינץ האָט צוליעב דעם בעזוכט פעטערסבורג, און איז אויפגענומען געוואָרען אין דעם רוסישען הויף מיט גרויס פּאראַד. ער האָט דאָרט פערבראַכט א גאַנץ קורצע צייט. די קלוגע טאַטיאַנא האָט באַלד בעמערקט אין איהם דיא זיטען פון זיין פאָטער. זיא האָט אינסטינקטיוו געפיהלט אז דאָס איז פאַר איהר ניט קיין חבר אין לעבען, און זי האָט געגעבען אַנצוהערעניש אז דאָס איז פיר איהר ניט קיין שידוך.

אלכסנדר איז צוריקגעקומען אין סערביען, און אזוי וויא דיא השגחה פון א מוטער האָט ער גיט געהאַט, האָט ער געלעבט וויא ער האָט געוואָלט.

צו יענער צייט איז אין סערבישען הויף געווען א האָף־דאַמע וועלכע האָט געשטאַמט פון א גאַנץ נידעריגען שטאַנד, נור צוליעב איהר שעהנהייט און חכמה האָט זיא ערדייכט אזא הויכע שטופע. געוועהנליך האָט זיא בענוצט דיא בעקאַנטשאַפט פון בעאַמטע, וועלכע האָבען איהר געהאָלפען שטייגען.

אלכסנדר איז נאָך געווען יונג. לויט דיא געזעטצע האָט ער געהאַט צו וואַרטען נאָך איינינע יאָהר ביז ער וועט קענען ווערען קעניג. די שעהנע האָף דאַמע דראַגא, וועלכע האָט שוין גערעגירט מיט די העכסטע בעאַמטע פון הויף האָט זיך צונעגעחנפה'ט צו דעם יונגען אלכסנדר, און האָט איהם איין עצה געגעבען אז ער זאָל זיך ערקלערען אלס קעניג פאַר דער צייט. דיעזער פּלאַן איז איהם געפעלען געוואָרען. אין איין פריהמאָרגען האָט ער

פיהלט איהר א שוואַכקייט אין אייערע ביינער,
איז דר. לאַנדעס דער ספּעציאַליסט אייער.
140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

האט צוזאמען גערופען דעם קאבינעט מיניסטארען און האט זיי אָנגעזאגט אז ער ערקלעהרט זיך אלס געזעטצליכען קעניג פון סערביען, און דאס דער קאבינעט מיניסטאָרען ווערט פון יעצט אָן אויפגעלעזט, און האבען מעהר ניט קיין רעכט צו מאכען געזעטצע פיר'ן לאנד, דאס הייסט ער האט זיך ערקלעהרט אלס רעגירער פון סערביען.

דיעזער פלאַן איז איהם גוט געלונגען. ער איז געווארען דער הערשער איבער סערביען, אָבער צו דער זעלבער צייט איז ער געווארען דער שקלאף פון א פרוי וועלכע האט געהאט איבער איהם א געוואלדיג שטארקע ווירקונג, און א טייפעלשע נשמה.

דראגא איז געוועזן אין יאהרען עלטער פון אלכסנדר'ן און אין אנשטאנד פיעל ניעדעריגער. מאראליש זיינען זייביידע געוועזן ניעדעריג גענוג, און בלויז אין דעם זיינען זיי געוועזן א פאסענדע פּאָאר.

אלכסנדר האט ניט געקוקט אויף שטאט. עס האט אויף איהם ניט געווירקט דיא ביטע פון זיין מוטער, וועלכע איז געוועזן ווייט פון איהם. עס האָט איהם ניט געקימערט דאס ער וועט פערליהרען דיא עהרע און רעספעקט פון פאָלק. ער האט געליעבט דראגא'ן און זיא האט אויף איהם אזוי פיעל געווירקט אז ער האט מיט איהר געזעצליך געהייראטה.

דראגא איז אבער ניט געוועזן פון דיא פרויען וואס בעגניגען זיך מיט דעם גליק פון פאמיליען לעבען. זיא האט געשטאמט פון א ניעדער-גען שטאנד און האט געוואלט ערהויבען איהר פאמיליע,

מענגער! פיהלט איהר שוואך בעראטה זיך מיט דר. לאַנדעס, 140 איסט 22סטע סטריט, ניו יאָרק.

דערצו האט זיא אנגעפאנגען זיך צו מישען אין דיא מלוכה. דורך איהר איינפלוס זיינען איהרע צוויי ברידער, וועלכע זיינען געוועזן געוועהנליכע אפיצירען אין דער ארמיי, געשטיגען אזוי הויך ביז זיי האבען אריבערגעשטיגען אללע זייערע העכערע און עלטערע בעאמטע.

אלכסנדר איז ניט געוועזן מאנן גענוג אום צו קענען וויעדערשטעהן דיא קאפריזען פון א ניעדעריגע פרוי. ער איז געווען א שוואכלינג. און זיא האט זיין שוואכקייט אויסגענוצט צו איהרע אינטערעסען. ער האט געלעבט אין אזא ספערע וואס האט איהם פערטומעלט זיינע געדאנקען. ער איז געוועזן וויא אין א לעטארגישען שלאף. ער האט געלעבט ניט וויא ער האט געוואלט, נור וויא זיא האט געוואלט, און האט נור געזוכט צופריעדען צו שטעלען זיין ליידענשאפט מיט א פרוי וועלכע האט געקענט קאקעטירען און זיך פערשטעלען פיר א פריינד.

אום צו געווינען דיא סימפאטהי פון פאלק, און צו פערזיכערען דיא קרוין, איז דראגא געפאלען אויף א פלאן און האט גענומען דאס קינד פון איהר שוועסטער צו זיך אין פאלאץ. צו דער זעלבער צייט האט זיא ארויסגעלאזען א קלאנג אז זיא שוואנגערט. שפעטער האט זיא בעקאנט געמאכט אז זיא האט געבארען א יורש צום טראהן.

דיעזער פלאן איז איהר ניט געלונגען. מען האט זיך באלד דערוואוסט פון דעם שווינדעל און דאס גאנצע סערבישע פאלק איז געווארען נאך מעהר אויפגערעגט.

וווילט איהר געזונדע קינדער ברינגען,
מוזט איהר דר. לאנדעס בעלל רינגען.

אונטער אַזעלכע אומשטענדע האָבען זיי אבגעלעבט איינגע יאהר. דערוויל זיינען דיא אינטערעססען פון לאנד פערנאכלעסינט געוואָרען. דיא אונצופריעדענהייט פון פאָלק האָט געשטיענען. איבערהויפט האָט געוואקסען אי'ן אונצופריעדענהייט אין הויף און צווישען דיא ארמעע וועלכע איז נים אָנגעשטאנען וואָס א פרוי פון געוועגליכען פאלק איז געווארען דיא הערשערין פון לאנד.

לאנג האט עס נים געקענט אָנהאלטען, דיא אונצופריעדענ־הייט האט געוואקסען פון טאג. נים אלעקסאנדר און נים דראגא האָבען געטראכט וועגען דעם וואָס עס קען ווערען פון אזעלכע פיהרונגען.

איין פרימאָרגען איז דיא וועלט איבערראשט געווארען מיט דיא נייעס פון א שרעקליכע דראמא וואס האָט זיך אָפגעשפילט אין סערבישען הויף. דיא נאכט פון דעם 11 דזון 1903. האט אלכסאנדר ערוואכט פון א טומעל אין פאלאטץ. אונערווארטעט זיינען אריין אין זיין שלאף צימער איינגע פערזאן און האָבען אָנגעפאנגען צו שיססען. דראגא האָט ערוואכט, זיי האבען זיך א לאָז געטאָן צו איהר, זיי האָבען געוואלט איהר ערמארדען. אלכ־סנדר איז געוועזן גרייט איהר צו פערטהיידיגען און האט דערשאָ־סען איין מאן גלייך נאך איינעם, אָבער באלד איז ער געפאלען פון א שטראם קוילען וועלכע זיינען אריין אין זיין קערפער.

אין איינינע מינוט ארום זיינעןביידע, אלכסנדר און דראגא געלעגען אין א טייך בלוט דערהרגעטע, און אין א קורצע ווילע

האָט איהר חלומות, שלעכטע טרוימע,
דאָקטאָר לאַנדעס ניט אייך אַ רפואה שלמה.
140 איסט 22טע סטרים, ניו יארק.

שפעטער האָט מען זײ בײדען ארויס געוואָרפען דורכ'ן פענסטער.

* * *

דאס איז געװען דער סוף פון א קעניג, װעלכער האט גע־שטאמט פון א פאטער װאס האט געפיהרט א'ן אונמאראלישען לעבען, און װעלכער האט ניט געהאט קײן ריכטיגע ערציהונג, און האט געירשנ'ט זײן פאטער'ס אונמאָראלישע פיהרונגען.

װאָס קענען מיר לערנען פון אזא געשיכטע? דער לעזער דארף װיסען אז דיא בעשרײבונג איז ניט קײן אויסגעטראכטע, דאס איז א פאקט װאס האָט פאסירט. נאטירליך, דיא געשיכטע איז שױ־דערליך און מאכט א גרויסען אײנדרוק דערפאר װײל עס האט פאסירט מיט א קעניג. אבער װיפיעל דראמאס שפילען זיך אפ אין געװעהנליכען לעבען, צװישען פאָלק, בײ געװעהנליכע מענשען, װען דער מאן אדער דיא פרוי פיהרט א'ן אונמאראלישען לעבען.

װיפיעל פאמיליענלעבענס װערען צושטערט פון אזעלכע זאכען? װיפיעל קינדער װערען פעראונגליקט דורך דעם װאס זײערע עלטער, לעבען צװישען זיך ניט װיא געהעריג איז.

דער סך הכול פון דיא געשיכטע איז: אז דער מאָראלער צו־שטאנד פון דעם מענשען שפיעלט א װיכטיגע ראָלע אין זײן גאנצען לעבען און איבערהויפט אין פאמיליענלעבען.

װען א מאן אָדער א פרוי װאָס זײנען פערהײראטה און זײנען ניט געטרײ אײנע דיא אנדערע, פעראונגליקט עס זײער לעבען, און עס פעראונגליקט דאס לעבען פון זײערע קינדער.

פערהײראטהע מעננער, װעלכע זײנען ניט געטרײ צו זײערע

פיהלט איהר א שװאכקײט אין אײערע בײנער, איז דר. לאנדעס דער ספעציאליסט אײנער,

פרויען, און פיהרען אין אויסגעלאסענעם לעבען קענען אויך אריין אין שלעכטע קראנקהייטען פון וועלבע זייערע קינדער און קינדס קינדער קענען ניט ערלייזט ווערען, ווען דיעזע קראנקהייטען ווערען פערנאכלעסיגט.

נאָך א וויכטיגען פונקט דארף מען אין אכט נעהמען, און דאָס איז דער איינפלוס וואָס א פרוי האָט איבער איהר מאן.

יעדער מאן דארף קוקען אויף זיין פרוי מיט אָפענע אויגען און וויססען וויא וויים זיא קען און וויא ווייט זיא דארף אויף איהם ווירקען.

ניט אומזיסט זאָגט דער תלמוד אשה רע מר ממות, אז א שלעכטע פרוי איז ערגער פון טויט. ווען דער מאַן מערקט אז זיין פרוי פיהרט איהם אויף א שלעכטער וועג, דארף ער זיין מאנן גענוג און קענען זיך בעהערשען, און ניט צולאָזען אז אזא פרוי זאל האָבען אויף איהם איין איינפלוס.

בכווין דאן ווען דער מאן זעהט אז זיין פרוי איז אקלוגע און איהרע עצות זיינען גלייבע וואָס פיהרען איהם אויף א ריכטיגע וועג, זאָל ער זיך איינבויגען צו איהר, ווען זיא איז קלענער פון איהם און קיין זאך ניט טהון אָהן איהר ראטה.

מענגער! פיהלט איהר שוואך בעראטה זיך מיט דר. לאַנדעס, 140 איסט 22טע סטריט, ניו יאָרק.

10־טער קאפיטעל׳

וואגיניזם.

וואס איז וואגאניזם?

דאס איז דער צושטאנד פון דיא געביהר ארגאנען ווען זיי זיינען ניט אימשטאנדע צו פערטראגען דיא קלענסטע אויפרעגונג, אזו דאס ווען מען ריהרט נאר אן דיעזע ארגאנען, פעראורזאכט עס גרויסע שמערצען און קאנוואולסען.

וואס ברייננט דעם מענשען צו אזא צושטאנד?

מען האט דארויף פרובירט בעאנטווארטען דאס דיא אורזאכע דערפון איז דער טעמפעראמענט, דיא היגיענע אונד געזעלשאפט־ליכע צושטאנדע.

מייסטענס ליידען דערפון בלוטארמע פרויען, אויך מאגערע און נערוועזע פרויען זיינען לייכט אונטערווארפען צו אזא ליידען, דערפאר געפינט זיך דיא גרעסטע צאהל ליידענדע פרויען אין דיא געדיכט בעפעלקערטע געגענדען, און אויך ביי פרויען פון הויכע געזעלשאפט.

וואס פיר א ראלע שפילט דער מאן אין פעראורזאכען וואגיניזם?

מאנכע מאל האט דער מאן דארין א קליינע שולד, אבער אין פיעלע פעללע איז עס דיא אורזאכע פון דעם מאנ׳ס שוואכקייט, אדער דערפון וואס ער איז צו שטארק און ברוטאל.

דערפון וואס דער מאן האט ניט גענוג קרעפטען, און רייצט

ווילט איהר געזונדע קינדער בריננען,
מוזט איהר דר. לאנדעס בעלל ריינגען.
140 איסט 22־טע סטריט ניו יארק.

אויף דיא פרוי און קען איהר ניט צופריעדענשטעלען, בעריהרענ־דיג שטענדיג די געביהר ארגאנען, אהנע דיא פערפאלקאמונג פון דעם נאטירליכען צוזאמענקונפט, ווערט די פרוי נערוועז און איהר גאנצער קערפער ווערט אויפגערעגט. אין מאנכע פעלע איז דיא אויפרעגונג אזוי גרויס, אז דאס פעראורזאכט קאנוואולסען.

מיט א קורצע צייט צוריק האב איך געהאט א פאציענט, וועלכער איז געווען איינינע מאנאטען פערהייראטה און איז ניט געווען אימשטאנדע צו ערפילען זיין מענליכע פליכט. פון קינדער־וויז אויף איז ער געווען איבערגעגעבען צו דעם געברויך פון טא־באק. דער ניקאטין האט זיך אויף אזוי פיעל איינגעווארצעלט אין זיין קערפער, אז עס האט אבגעשוואכט אלע זיינע גליעדער. ער האט זיך גענומען דיא מיהע צופריעדענצושטעלען זיך און זיין פרוי, אבער דאס האט איהם ניט געלונגען, ער האט בלויז ערוועקט ביי דיא פרוי א שפאזם און ביסלעכווייז האט ער געבראכט דיא פרוי צו דעם שטאנד פון וואגאניזם. דער מאן איז געווען אזוי פיעל פערצווייפעלט, אז ער האט שוין געהאט דעם געדאנקען זיך צו שיידען מיט דיא פרוי; אבער נאך דעם איך האב איהם א קורצע צייט בעהאנדעלט, און זיין פרוי געשיקט צו א ספעציאליסט פון פרויען קראנקהייטען, זיינען זיי ביידע פאלקאם געזונד געווארען, און יעצט זיינען זיי א גליקליכע פאאר און לעבען אין פריעדען.

זיין גליק וואלט נאך פיעל גרעסער געווען ווען ער וואלט צו מיר קומען איידער ער האט געהייראטה.

ווערט איהר אלט פאר דער צייט,
איז דר. לאנדעס אדרעס ניט ווייט,
140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

נאך א פאציענט האב איך געהאט וואו דער מאן פלעגט ווערען שנעל אויפגערעגט און זיין אזוי אונגעדולדיג אז ער פלעגט אהנע ווארנונג זיך ארויפווארפען אויף זיין פרוי מיט דעם ווּאונש צו שטילען זיין ליידענשאפט. דערמיט פלעגט ער פעראורזאכען דיא פרוי גרויסע שמערצען, אויסער דעם האט דיא פרוי ניט געהאט קיין געלעגענהיים דאס ביי איהר זאל ערוועקט ווערען דער ווּאונש צו בעהעפטונג דורך זיין גרויסע אויפרעגונג פלעגט ער ניט זיין איטשטאנדע זיך ריכטיג צו בעגעהן און יעדעס מאל פלעגט ער פעראורזאכען דיא פרוי שמערצען און דורך דעם האט זיא אנגעפאנגען צו ליידען פון וואגיניזם.

ביי מאנכע פרויען זיינען דיא שמערצען אזוי גרויס אז זיי זיינען ניט אימשטאנדע דאס אויסצוהאלטען און פאנגען אן שרייען אדער וויינען, און דער מאן איז ניט אומשטאנדע צו פערפאלקאמען דיא צוזאמענקונפט. עס זיינען דא פיעלע פרויען, זאגאר פראמינענטע פרויען אין דער געזעלשאפט, וואס זיינען פיעלע יאהרען פערהייראטה, און האבען ניט געהאט קיין ריכטינע בעהעפטונג מיט'ן מאן, ווייל זיי ליידען פון וואגיניזם.

דיעזער פעהלער פערשוואכט דיא פרוי און בריינגט איהר אויף אזא שטופע אז זיא איז ניט אימשטאנדע צו פראדיצירען נייע דורות. (האבען קינדער) דאך פאסירט עס אז פרויען וועלכע ליידען פון וואגיניזם שוואנגערן און קענען פראדוצירען נייע דורות, אבער דאס איז זעלטען, עס טרעפט בלויז ביי דיא פרויען וועלכע זיינען קרעפטיג גענוג אריבער צו טראגען דיא שמערצען פון דיא

פעהלט אייך מוטה, האט איהר קומער,
געדענקט נור דאקטאר לאנדעס נומער

ערשטע אויפרעגונג און בעקומען דאך זייער צופריעדענהייט.

נאך דיא לעהרע פון דאָקטאָר לאָרין און נאלארד איז ראטה־זאם אז עלטערן זאלען אין זינען האבען, אין ערציהען זייערע קינדער וועגען דיא אורזאכען פון וועלכע עס ענשטעהט דיעזער אונאנגע־נעהמער פעהלער ביי פרויען, און זעהן דאס ווען דיא קינדער ער־רייכען דיא יאהרען פון רייפקייט זאללען זיי וויססען וועגען וואגיניזם.

דיעזע דאקטוירים בעהויפטען אז עס איז רעכט אויפצוקלערען דיא ערוואקסענע קינדער דיא וויכטיגקייט פון עדעלען בענעהן זיך מיט דיא פרוי אין צייט פון צוזאמענקונפט, אז עס איז וויכטיג דאס דער מאן זאל ערוועקען אין דיא פרוי א לוסט צום געשלעכט־ליכען פערקעהר איידער ער שטעלט צופריעדען זיין ליידענשאפט.

זיי בעהויפטען אז פיעלע מעננער פעראורזאכען וואגיניזם ביי זייערע פרויען דערפאר ווייל זיי ווייסען נים וויא זיך צו בענעהן.

עס זיינען דאָ מעננער וואס טראכטען גאָר נים אז עס איז וויכטיג דאָס דיא פרוי זאל אויך האבען א וואונש צום געשלעכט־ליכען פערקעהר, און איבען אוים זייער רעכט אויף א ברוטאלען ארט. דאס ברייננט דאצו אז דיא מעננער ווערען פער׳מיאוס׳ט ביי דיא פרויען און דער נעדאנקען וועגען צוזאמענקונפט איז ביי אזעלכע פרויען אבשייליך.

מען דארף נים פערגעסען וואס פיר א וויכטיגקייט דער נע־דאנקען איז אין בעצוג צום געשלעכטס פערקעהר. ווען דער מאן איז פער׳מיאוס׳ט ביי דיא פרוי, אדער ווען זיא שרעקט זיך פיר זיין

מאַכט אייער קראַנקהייט איך אין הויז פערבלייבען,
דאַרפט איהר נאָר צו דאָקטאָר לאַנדעס שרייבען,
140 איסט 22מע סטריט, ניו יאָרק.

נאָהענטען צוטריט, דאן קען ביי איהר די אויפרעגונג ניט קומען, עס זינען אויך דאָ פרויען וועלכע זיינען פון דער נאַטור ניט שטארק ליידענשאפטליך, אבער ווען זיי האבען א מאן וואס ווייס וויא זיך צו בעגעהן, דאן איז עס גאַנץ אנדערש, מאנכע פרויען זיינען נור די ערשטע יאהרען פון זייער הייראטה אין דעם צושטאנד פון ליידענשאפט, נאָכהער גיבען זיי זיך איבער צו די צופרידענ־הייט פון דעם מאן, זאגאר ווען זיי זיינען אימפּאָשענט, (ניט פּראָ־דוצירענד).

אין אנדערע פעללע ווערען די פרויען ניט צופרידענגעשטעלט דערפאר ווייל דער מאן איז אין זיין טעמפּעראמענט שנעלער פון די פרוי, און ווען ער האט צופריעדענגעשטעלט זיין וואונש איז נאָך די פרוי אין א נערוועזען אויפגערעגטען צושטאנד. אזוי פּאסירט עס ביי מאנכע פרויען וואָס ליעבען זייערע מעננער ערנסט און לעבען אָפּ זייערע יאהרען און פיהלען ניט דעם פאלשטענדיגען פערגעניגען פון דעם געשלעכטליכען פערקעהר. דאס ברינגט אויך די פרוי אין אזא צושטאנד אז זיא ווערט אין גאנצען גלייכגיל־טיג צו די געשלעכטליכע פערבינדונג.

קאלטבלוטיגקייט אדער גלייכגילטיגקייט אין אזעלכע פעללע קומען ניט נור פון די דערמאנטע אורזאכען, זאנדערן אויך פון פערזענליכע אבשטויסענהייט און דערפון וואס די ארגאנען פער־לירען די סענסואליטעט דורך דעם שטענדיגען אויפרעגען און בלייבען אין אונצופריעדענהייט.

דער מאן וועלכער האט איין געפיהל פון אָרינטליכקייט און

ווילסט איהר זיך פילען יונג לעבהאַפטיג און שעהן, מוזט איהר וואס פריהער צו דאָקטאַר לאַנדעס געהן.

זארגט פיר דיא צופריעדענהייט פון זיין פרוי, דארף אין זיננען נעהמען דיא אללע עררינערטע פאקטען, און בעגעהן זיך פאָרזיכ־טיג אין דיא מאָמענטען ווען דיא בעפרוכטונג דארף פאָרקומען; און ווען ער פיהלט אז ער איז ניט אימשטאנדע זיך צו העלפען, דארף ער זיך בעראטהען מיט א דאָקטאָר וועלכער איז א ספּע־ציאליסט אין דיזען פאך, און זוכען מיטלען וויא צו פערמיידען דעם צוזאמענקונפט, ביז ער וועט זיין אימשטאנדע צו געבען זיין פרוי דיא פאלשטענדיגע צופריעדענהייט.

א ליידענדע פון וואגיניזם.

ווערט איהר אלט פאר דער צייט,
איז דר. לאנגעס אדרעס ניט ווייט.

זינד געגען דיא נאטור.

א מענש קען זיך ארויסדרעהן פון דיא הענד פון טעכטיגסטען מאנארך געגען וועלכען ער פערזינדיגט זיך, אבער ער קען זיך ניע־מאלס רעטען פון צארן פון דער נאטור, געגען וועלכע ער זינדיגט.

דיא נאטור האט בעשאפען א מאן און א פרוי און האט אוועק געשטעלט געוויסע רעגעלען וויא זיי זאלען זיך לעבען צוזאמען, צו פראדיצירען קינפטינע דורות און צו פערשפרייטען דיא מענש־הייט אויף דער וועלט.

אונזער תורה האט אונז געגעבען דעם ערשטען געבאט און „פרו", ורבו און דיא זעלבע תורה האט אונז אויך שטרענג פערבא־טען אריבער צו טרעטען דיא געזעצע פון דער נאטור. דער חומש בראשית דערצעהלט אונז וויא אונן איז אוועק פון דער וועלט יונג און אהן קינדער דערפאר וואס ער האט געזינדיגט געגען דיא נאטור. דער זעלבער חומש פערזאגט איינינע מאל צו פיהרען א ריינעם געשלעכטליכען לעבען, אום מיר זאלען נים אונטערגעהן פון דער וועלט.

פיעלע פאמיליען און זאגאר גאנצע נאציאָנען זיינען אונטערגע־גאנגען פון דיא זינד, וואס זיי האבען בעגאנגען געגען דיא נאטור. דער רוסישער נאסליעדניק ניקאליי, אלעקסאנדער דעם צווייטענס זוהן איז געשטארבען אין זיין רעכט בליהענדע יוגענד פאר דיא זעלבע זינד פון אונן. דער געניאלער רוסישער שרייבער גאָגאָל איז משוגע געווארען פון זיינע יוגענד זינד. פיעל פרינצען פון איי־ראָפּאַ זיינען אונטערבראָכען געווארען אין זייער רעכטען בליהע אזוי וויא יונגע בוימער וואס ווערען אונטערגעהאקט אין וואלד פון האלץ העקער.

דיא נאטור שאנעוועט נים קיין איינעם וועלכער עס טרעט

ארכער איהרע געזעצע, דיא נאטור איז און אמת'ע דעמאָקראַטקע, זיא בעשטראפט גלייך דיא הטאים פון דיא קעניגליכע פּאלאטטען וויא דיא זינד פון דיא ענגע טענעמענט הייזער און זיא בעלאהנט מיט צופריעדענהייט און מיט א גליקליכען פאמיליען לעבען דיא מעננער, וואס פאלגען איהרע געזעצע. ליידער פערשטעהן ניט אללע וואס דיא נאטור פאדערט פון זיי אין זייערע געשלעכטליכע אנגעלעגענהייטען. און דיעזע ווערק איז פערפאסט געווארען אויף וויסענשאפטליכע און היסטארישע פארשונגען צו ווייזען דיא אידי־שע יוגענד דיא געזעצע פון דער נאטור און וויא אויסצוהיטען זיך פון זינד געגען איהר,

דיא „זינד געגען דיא נאטור" וועט זיין דר. לאנדעס פערטע ווערק. עס וועט זיין א ספר פול מיט וויסענשאפט און היסטארישע פאקטען. אין „דיא זינד געגען דיא נאטור" וועט איהר זעהן פאר־געשטעלט ריכטיגע בילדער פון פערצייטיגע דורות און פון יעצטיגע ציימען. איהר וועט זעהן דעם געשלעכטליכען לעבען פון פערשיע־דענע לענדער און נאציאנען, איהר וועט לעזען אמת'ע פאקטען וויא וויא קלאסען און פעלקער זיינען פערשוואונדען פון דעם צארען, מיט וועלכען דיא נאטור האט אויסגעבראכען געגען דיא יעניגע, וואס האבען געגען איהר געזינדיגט.

„דיא זינד געגען דיא נאטור" וועט אייך ווייזען קלאר און דייטליך וויא איהר זאלט זיך אויפפיהרען אויף דער וועלט, ווען איהר ווילט זיין געזונד, גליקליך און צופריעדען אויף דער וועלט און ווען איהר ווילט איבער לאזען נאך זיך געזונדע פעהיגע קרעפ־טיגע דורות.

איהר וועט ווירקליך בעגעהן א זינד געגען זיך און געגען דיא נאטור, ווען איהר וועט ניט קויפען „דיא] זינד געגען דיא נאטור" גלייך וויא דיעזער בוך וועט ערשיינען פון דרוק.

11טער קאפיטעל

פאַלשע צוזאממענקינפטע

(ביהעפטונג)

אזוי וויא עס איז וויכטיג פיר דעם מענשען אויפצוהאלטען זיין אלגעמיינעם געזונד אין א געהרינגען צושטאנד, אזוי איז אויך וויכטיג פיר דעם מענשען אויפצוהאטען זיינע געשלעכטס—ארגאנען אין א געזונדען צושטאנד. ווען דער געשלעכטליכער פערקעהר קומט פאר ניט אויף א נאטירליכען ארט, דאן צושטערטעס דעם געזונדען צושטאנד פון דיא אָרגאנען. און אויך דעם אלגעמיינעם געזונדען צושטאנד פון דעם מענשען.

● פון צו אפטע צוזאמענקונפטע אדער פון צו זעלטענע צוזאמענקונפטע פערלירען דיא ארגאנען זייער נאטירליכע קראפט און דער מענש פערלירט דיא זאממען, ער ווערט אבגעשוואכט און איז ניט אימשטאנדע דיא זאממען ארויסצוברייננען, דאס רעגנט אויף דיא אָרגאנען און זיי ווערען ענטצונדען דער מאן און דיא פרוי ווערעןביידע אויסגעמאטערט און בלייבען אונצופריעדען.

● פון אונגעוועהנליכע און אונאטירליכע צוזאמענקינפטע ווערט דיא גאנצע נערוועז סיסטעם צושטערט. דיא פערזאָן ווערט ערשעפט פוז אויסשווייפונג און דיא נאטור פערליערט איהר קראפט און עס פאנגען זיך אן ארגאנישע קראנטהייטען.

מען מוז אנערקענען אז עס איז אבסאָלוט ניט ראטהזאם צו

פיהלט איהר אַ שוואכקייט אין אייערע ביינער,
איז דאָקטאָר לאַנדעס דער ספּעציאַליסט איינער.
140 איסט 22טע סטריט. ניו יארק.

פערלירען פיעל זאמען; און דיא אללע מיטלען וואס פיהרען דער־צו, דארפען אויסגעמיידט ווערען.

דיא ערגסטע און גרויזאמסטע פערברעכען געגען זיך אלייין איז דיא אונפאלקאמע צוזאמענקונפט. דאס צושטערט דאס געזונד פון דעם מאנן און פון דיא פרוי.

הונדערטע און פיליכט טויזענדע פערהייראטהע פערזאנען ווילען אויסמיידען צו האבען קינדער, און בענעהן זיך אין דעם צוזאמענקונפט אויף אזא ארט אז עס ווערט ניט פערפאלקאמט. שטופענווייז ווערען זייביידע אזוי אבגעשוואכט אז זיי זיינען מעהר ניט אומשטאנדע צו ערפילען זייערע פליכטען. דיא נערוועז ווערען צושטערט, זייא זיינען אימער אין א׳ן אויפגירעגטען צושטאנד און זייער גאנצער אָרגאניזם ווערט רואינירט.

צופיעל אויסשווייפונג איז אהנע צווייפעל שעדליך, אבער דיא ניט פאלקאמע צוזאמענקונפט איז נאך פיעל שעדליכער.

ווען א מאן פערפאלקאמט דעם געשלעכטליכען פערקעהר אויף א נאטירליכען ארט, פיהלט ער זיך לייכטער און בעסער. זיינע צורייצטע נערוועז ווערען בערוהיגט און דיא צוהיצטע בלוטען ווערען אָבגעקיהלט. דאגעגען אבער, ווען דיא צוזאמענקונפט איז פארגעקומען אויף א אוננאטירליכן ארט, דאן פיהלט דער מאן פיעל שווערער, מעהר ערמיעדעט אלס בעפאר, זיינע אויפגערעג־טע נערוועז ווערען ניט בערוהיגט און דיא צוהיצטע בלוטען בליי־בען ניט אָבגעקיהלט, און ער בלייבט אין א צושטאנד פון הינהערפעלט.

זייט איהר פון אַ געהיימע קראַנקהייט פערפיהרט, צו דאָקטאָר לאַנדעס גיִדט, און איהר ווערט קורירט.

דאָ וועל איך ברייננען אַ פאקט פון מיינעם אַ פּאַציענט, וואָס פיר אַ ווירקונג עס האט אויף איהם געמאכט דער איינגעוועהנליכער געשלעכטליכער פערקעהר.

דער מאַן איז אלט געווען צוויי און דרייסיג יאהר, און איז פון אַ דרייסטהאפטע נאטור. מיט אייניגע יאהר צוריק איז ער געווען בלוט און מילך, אַ גיבור, ער איז שוין פערהייראטה צייט אכט יאהר און איז אַ פאטער פון זעקס קינדער. זיין בעשעפטיגונג איז יעצט אַ גראָסערי און אזוי וויא זיינע פערדיענסטען זיינען ניט גענוג צו סופּאָרטען די פאמיליע, האט ער אָנגעפאנגען אויסצומיידען צו האבען קינדער. דאך האט ער פארגעזעצט דיא צוזאמענקונפט מיט זיין פרוי. ער האט מיר פערטרויט וויא אזוי ער בעגעהט זיך אום ניט צו מאכען דיא פרוי שוואנגער. דאס איז אויף דעם זעלבען ארט וויא הונדערטע אדער טויזענדע מעננער טהוען אין יעצטיגער צייט.

אין דיא ערשטע זעקס מאנאטען האט מען ניט געקענט מערקען קיין ענדערונג אין דעם מאן. זיין אפּעטיט איז געווען גוט, דאס פערדייען וויא געוועהנליך, און זיין אלגעמיינער צושטאנד האט זיך ניט פערענדערט. ביסלאכווייז האט ער אָנגעפאנגען צו ווערען מאגערער. נאכהער האט ער זיך אנגעפאנגען צו טרייסלען און פלעגט זיך אָפט דארפען אבשטעלען ווען ער פלעגט געהן האסטיג. שפּעטער האט ער אנגעפאנגען שפּירען אַ מישונג אין קאפּ, און צייטענווייז פלעגט זיך איהם אבדאכטען אז דיא הייזער פאללען אויף איהם.

איז אייער קערפּער אפּגעשוואַכט דערציילט נאָר דאָקטאָר לאַנדעס און איהר ווערט געהיילט.

זיינע ארגאנישע צושטענדע זיינען געבליעבען די זעלבע וויא בעפאר עס איז געווען אויף אזוי פיעל אונפערענדערט אז עס איז ניט געווען מעגליך אויסצוגעפינען וואס עס האט פעראורזאכט אין איהם אזא ענדערונג. פון אנפאנג האט עס אויסגעוויזען אז די סימפטאמען זיינען אזוי וויא פון ספערמאטאריע (זאממענ־פערלוסט) אבער נאך א גרינדליכע אונטערזוכונג האט עס זיך ארויסגעצייגט די ריכטיגע אורזאכע, אז די פאטהאלאגישע ענדערונג איז געקומען דערפון וואס ער האט זיך איבערגעגעבען צו א אונגעוועהנליכען געשלעכטליכען פערקעהר,

מיין ראטה איז געווען אז ער זאל ניט שטערען די נאטור אין זיינע צוזאמענקינפטע מיט זיין פרוי. ער האט באלד געפרעגט: „וואס וועל איך טהון ווען מיין פאמיליע וועט זיך פערגרעס־סערן", מיינע פערדיענסטע זיינען ניט גענוג צו ערנעהרען מעהר קינדער?" ער איז גערעכט געווען אין זיין טענה, אבער דאס איינ־ציגע וואס ער האט געקענט טהון דערצו איז צוריקהאלטען זיך פון געשלעכטליכען פערקעהר. דאן האט זיך ארויסגעצייגט זיין ליידען פון צוריק האלטען. ער אין געווען אין שטענדיגע אויפרע־גונג און מיט צושטערטע נערוועז. עס איז נויטהיג געווען צו בערו־היגען זיינע נערווען און צו בעהאנדלען איהם אויף אזא ארט אז זיין נייגונג צו דעם געשלעכטליכען פערקעהר זאל פון דער נאטור פערשוואכט ווערען.

ער האט געטהון אללעס וואס איך האב איהם געראטהען, און נאכהער וויא איך האב איהם בעהאנדעלט צוויי מאנאטען איז ער

מענער! פיהלט איהר שוואך בעראטה זיך מיט דר. לאנדעס, 140 איסט 22טע סטריט, ניו יארק.

געקומען מיר בעדאנקען. עס איז געווען א הם שווער צו דערקענען אויף אזוי פיעל האט ער זיך פערענדערט ער איז געווארען פאָל־שטענדיג געזונד, זיינע מוסקולען האבען זיך ענטוויקעלט, דיא בלוטען זיינען געווארען ריין און האבען בעקומען א רעגעלמעסיגע צירקולאציאָן

דער אונגעוועהנליכע געשלעכטליכער פערקעהר וואס ווערט אם מייסטענס פראקטיצירט בעשטעהט אין דעם וואס דער פער־קעהר ווערט ניט פערפאָלקאָמט און דיא זאממען ווערט ארויס־געלאזען דאן ווען דעם מאנ'ס געשלעכטליכע אָרגאנען זיינען שוין אָבגעטהיילט פון דיא פרוי'ס. דאס איז אבער ניט קיין זיכערער מיטעל, און אויסער דעם וואס עס איז שעדליך און עס צושטערט דעם געזונד פוןביידען, איז דער מיטעל גאר קיין זיכערער, ווייל ווען עס קומט נור אריין איינינע טראָפּען פון דיא זאממען אין דיא פרוי'ס אָרגאן, קען זיא דעפון ווערען שוואנגער.

דיא פרוי ליידעט זעהר פיעל דערפון, עס מאכט אויף איהר זעהר א גרויסע ווירקונג און עס פערניכטעט אין איהר אין גאנצען דעם וואונש צום געשלעכטליכען פערקעהר.

א פרוי דארף קענען זיך בעהערשען און האָבען איבער זיך א דעה, און דיא פרוי וועלכע האט א שטארקען כאראקטער וועט אימָמער אויסמיידען אזא זארט צוזאמענקונפט, דורך וועלכען זיא ווערט ניט צופריעדענגעשטעלט און איהר געזונד ווערט רואינירט.

דאָס איז ניט דאס איינציגע מיטטעל מיט וועלכע פערהייראטהע לייטע בענוטצען זיך אום אויסצומיידען דיא בעפרוכטונג.

ווילט איהר געזונדע קינדער ברינגען,
מוזט איהר דר. לאנדעס בעלל רינגען.

עס זיינען דא צעהנדליגע מיטלען, וועלכע זיינען בייגאהע יעדען בעוואוסט, און ווען יעמאנד ווייס ניט פון דיא מיטלען דארף ער אויך ניט זארגען, ווייל ער פערלירט דאביי גאנץ ווייניג, סיי מא־טעריאליש און סיי מאראליש; דען אללע מיטלען וועלכע זיינען געגען דיא נאטור זיינען שעדליך פיר'ן געזונד.

אויסער דעם וואס דיא געפעלשטע צוזאממענקינפטע צווישען מאן און פרוי זיינען שעדליך פיר'ן געזונד, צושטערט עס אויך דעם גייסטיגען לעבען פון דער פאמיליע. דער מאן ווערט עגאאיסטיש, עס פעהלט איהם דיא צערטליכקייט פון דער ליעבע וועלכע עס ווערט ענדעקט דורך דיא נאטירליכע נאהענטקייט פון פערהייראט־הען לעבען, און אזוי פיהלט אויך דיא פרוי. זיי ווערען איינע צו דיא אנדערע פרעמד און זוכען אפט צו געפינען א אינטערעסע אין אנדערע פערזאנען. דאס בריינגט אפט דערצו אז דער מאן פער־ליעבט זיך אין איין אנדער פרוי אדער דיא פרוי פערליעבט זיך אין איין אנדער מאן

גאנץ אפט קומען צו מיר פרויען פאציענטען, וועלכע זיינען מיט צושטערטע נערוועז, ליידען פון נעראלדזיא, אויפרעגונג, נער־וועזיגקייט, מעלאנכאלי אדער אדער אנדערע קראנקהייטען. איך פרעג זיך פאנאנדער וואס עס האט זיי געבראכט צו אזא צושטאנד. דיא גרעסטע טהייל אנטווארטען אז זיי ווייסען ניט. נאר דורך געהעריגע פארשונגען ציינט זיך ארויס אז זייערע מעננער פעלשען אין צוזאמענקונפט, און דאס איז דיא אורזאכע וואס עס האט זיי געבראכט צו אזא צושטאנד.

פיהלט איהר א שוואכקייט אין אייערע ביינער,
איז דר. לאנדעס דער ספעציאליסט איינער,

דער ליידעט פון סיפיליס דורך
דעם וואס דיא מוטער וואר אנגע־
שטעקט מיט סיפיליס בעפאָר זיא
האט איהם געבארען.

דיעזער יונגע האט געהאלטען אין
מויל אַ פייפ, וועלכע זיין סיפיליטישער
פאטער פלעגט סמוקען, אונד דאדורך
איז ער אנגעשטעקט געוואָרען.

ערבליבע סיפיליס קען זיך אָפרר־
פען מיט אייניגע דורות שפעטער,
דאָס צייגט וויא אַ קינד ליידעט
דאדורך וויל זיין גרויספאטער האט
געהאט סיפיליס.

דאס צייגט וויא
ביי אַ מאן האט
אפגעפוילט זיין
נאָז פון סיפיליס,
אונד וויא מען
האט איהם צוגע־



מאכט אקינסט־
ליכען נאז פון
פלייש, אונד עס
איז אזוי צוגע־
וואקסען דאס
עס איז שווער
צו דערקענען.



סיפיליטישע וואונדען אויף דיא הענד.
דאס פערשאַפט שמערצען אונד אונ־
אנגענעהמליכקייט, מען וויכט צו שוי־
קען הענדס מיט אזא פערזאָן, וויל
מען פירכטעט פיר אנשטעקונג.

אַ זאָנדערבאַרע ערשיינונג. דיעזער
קינד האט ניט קיין נאָרמאַלע פאָר־
מען פון אַ מענשען. עס איז העכסט
וואהרשיינליך דאס זיינע עלטערן
אדער אורעלטערן האבען געליטען
פון סיפיליס.

פערלארען דעם נאז דורך סיפיליס.



סיפיליטישע גוזען.

דיא ליעבע

דיא ליעבע איז אלט און גרויס וויא דיא וועלט. דיא ליעבע איז אזוי ליכטיג און אנגענעהם וויא דער גן עדן און איז אזוי פינ־סטער און שמערצליך וויא דער גיהנים.

זייט מענשען עקזיסטירען האבען זייא געליעבט. דיא ליעבע איז פערשיעדען אין אלע צייטען. אין אלע לענדער און קלימאטען. אין דיא ווארעמע לענדער פון עקוואטאר—אין אינדיען, אין צענט־ראל אפריקא, אין ציילאן א. ז. וו. ליעבען קינדער פון 9—8 יאהר מיט דיא הייסעסטע ליידענשאפט, ווא סמען קען זיך נאר פאר־שטעלען. אין דיא קאלטע לענדער פון דער נארטה ענטוויקעלט זיך דיא ליעבע אין איהר פולע מאכט ערשט דאן ווען א מאן אדער א פרוי ווערען אלט 18־20 יאהר.

אין דיא ווילדע מדינות פון אויסטראליען איז דיא ליעבע ביי מענשען זעהר ווילד און גראב. דער מאן פאנגט א פרוי אדער ער קויפט אונטער איהרע עלטערען זייא זאלען איהר אפגעבען פאר אן אייביגע שקלאפען און קיין איינער פרעגט ניט אויב דיא פרוי וויל איהר „באשטרטען" אדער ניט. ביי מאנכע ווילדע שבטים קומען פאר צווישען דיא זכרים ווילדע בלוטיגע קעמפפע צו בעזי־צען דיא פרויען.

עס טרעפט זעהר אפט. דאס 2 אדער מעהרערע מענער האל־טען מלחמה צו בעהערשען א פרוי. דער לעצטער מאן, וואס האט אריבער געלעבט דעם קאמפף און האט פערניכטעט זיינע געגנער ווערט דער „בעל הבית" פון דער פרוי. זאל צו גנאי ניט זיין אונ־זערע ציוויליזירטע אמעריקאנער און אייראפייער, ווען מיר ווען זיי דערמאנען, דאס זייערע אור—אור עלטערען זיינען אויך געוועזען

אזעלכע פראים וויא דיא. יעצטיגע ווילדע שבטים פון אויסטראל־
ען און צענטראל אפריקא.

דיא הויז פון א פרא אדם איז אימער אגיהנים. דיזע פרוי קען
ניעמאלס זיין צופריעדען פון איהר לעבען, ווען זיא ווערט בעהאנ־
דעלט פון מאן וויא א שעפעלע אין דיא לאפעס פון א וואלף. דיא
הויז פון א ציוויליזירטען ארענטליכען מענשען, וואס ליעבט זיין
פרוי און וועלכער ווערט פון איהר אויך געליעבט, איז א וואהרער
ליכטיגע פאראדיז. ליידער זיינען ניט אלע ציוויליזירטע מענשען
גליקליך אין זייער פאמיליען לעבען. מאנכע אדער פיעלע פון אונז
מאטערען זיך מעהר פון דיא ווילדע אפריקאנער אין פאמיליען
אונזעליג הייטען. פון דיעזען בוך וועט איהר וויסען וויא צו פער־
וואנדלען אייער הויז אין א גן עדן.

דער בוך „דיא ליעבע" איז פאר זיך זעלבסט א גאנצע היס־
טאריע פון דער מענשהייט. איהר זעהט אין דיעזע ווערק דעם
מענשען, ווען ער לויפט נאך ארום א ווילדער נאקעט און בארפוס
אין דיא וועלדער און פעלדער און איהר זעהט איהם אין זיין
יעצטיגען הויכען ציוויליזירטען צושטאנד.

„דיא ליעבע" וועט אייך איבערצייגען, אז זאגאר דיא העכסט
ציוויליזירטע איינוואהנער פון אייראפא און אמעריקא פערשטעהן
אויך זעהר זעלטען וויא צו בענוצען זיך מיט'ן געפיהל, וואס עס
איז אונז אראפגעשיקט געווארען פון הימעל צו בעלויכטען אונזער
וועג אויף דיא זינדיגע ערד.

דר. לעאנארדס לאנדעסעס 5טער בוך, וואס ער שרייבט אין
אידיש וועט זיין „דיא ליעבע" אין דיעזע העכסט אינטערעסאנטע
וויסענשאפטליכע און פסיכאלאגישע ווערק וועט ער אייך ערשט

